STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04928

ERETS-YISROEL-ARBETERSHAFT UN DER OYFBOY FUNM YIDIISHN ARBETS-TSENTER IN ERETS-YISROEL

Nahum Benari

Permanent preservation of this book was made possible by Harry & Carol Saal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. בָּנאַרי

די א״י־אַרבעטערשאַפט

און דער אויפבוי

פונם ייד. אַרבעטס־צענטר

אין א״י

פאַרלאַג „באַפרייונג״, וואַרשע

Druk. „Renoma“, Warszawa, Karmelicka 17.

א י נ ה א ל ט:

1. די סבות פונם דורכפאל פוו דער „פערטער עליה".

2. ארץ־ישראל אלס א לאנד פון אינטענסיווער לאנד־ווירטשאפט.

3. די גרויסע אינדוסטריעלע אוו ארבטס־אויסזיכטי אין א״י.

4. אז ענטפער אויף דער „קריטיק" פון יעקב לעשטשינסקי און פראָפ. ליבמאו הערש.

5. די א״י־דיקע ארבעטערשאפט און איר וועג פון אויפבויען דעם ייד. ארבעטס־צענטר אין א״י

I.

דער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל, האָט
פֿיל מענטשן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט דער
דאָזיקער פֿראַגע, אויך אַ זעלכע מענטשן, וואָס זענען ווייט פֿון
קענען די תנאים אין לאַנד. ס׳איז ערמעגלעכט געוואָרן די שונאי־
ציון צו באַווייזן זיך און אַנדערע, אַז זיי זענען גערעכט אין זייער
התנגדות. די שנאה, אמת, דרינגט נישט אַרויס פֿון דעם מיסי־
ערפֿאָלג פֿון דער אַרבעט, וואָרום אין דער צייט פֿון ערפֿאָלג עקי־
זיסטירט א ב ל י נ ד ע ק נ א ה. אזוי האָבן זיך אויך פֿאַרמערט
די צווייפֿלער, די וואָס זענען צוליב זייער נאַטור עלול צו צווייפֿלען
אין יעדער זאַך, וואָס פֿאָדערט אַרבעט, און וואַרפֿן זיך שטענדיק
אַהין און אהער און טוען גאָרנישט. עס איז געווען אַן עליה
קיין ארץ־ישראל, וואָס מען האָט איר אָנגערופֿן א סטיכישע עליה
און זי איז נכשל געוואָרן און מען קומט יעצט צו לערנען פֿונם
פּרט אויפֿן כלל.

לאָמיר באַנעמען די זאַך טיפֿער און לאָמיר אויספֿאָרשן די
דאָזיקע ערשיינונג, וואָס האָט זיך גערופֿן „די פֿערטע עליה" און
פֿאַרשטיין די סיבות פֿון איר דורכפֿאַל.

ערשטנס, דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז דער מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס איז געקומען קיין א"י מיט דער פערטער עליה, האָט לויט זיין צוזאַמענשטעל, געהערט אין זיין בעל-הבתּישן טייל, צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס „אַנטלויפן פון א שרפה" און ראַטעווען דאָס וואָס עס לאָזט זיך נאָר ראַטעווען. דאָס איז געווען אַ בהלה-עליה, נישט קיין אָרגאַניזירטע, אַן עליה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ריכטיקע ידיעות און אינפאָרמאַציעס איבערן לאַנד. די מענטשן זענען געקומען אין לאַנד, זייענדיק באַלאַסטעט על-פי-רוב מיט גרויסע משפחות, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. אויסער דעם אַלעמען זענען זיי אין דער מערהייט געווען מענטשן אָן איניציאַטיוו און אָן פראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען.

פון דעם אַלעם איז קלאָר, אַז די קאַטעגאָריע פרנסות, וואָס די פערטע עליה האָט אַנטוויקלט אין לאַנד, האָט אויסגעפעלט וועלכער ס'איז געהעריקער ווירטשאַפטלעכע באָדן. די עיקרדיקע „אינדוסטריע", וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, איז געווען די בוי-אַרבעט אמת, אין די א"י-שטעט האָט אויסגעפעלט א געוויסע צאָל הייזער, אָבער די דאָזיקע בהלה-בוי-אַרבעט, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. נאָך אין די גוטע יאָרן 1924—25 האָבן זיך אין דער בוי-אַרבעט קאָנצענטרירט אַרבעטער פיל מער, ווי ס'האָט באַדאַרפט צו זיין. ביי 10 טויזנט פערזאָן, וואָס אַרבעטן ביי בוי-אַרבעט און נאָך 10 טויזנט, וואָס זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן אָדער זיך מפרנס געווען אויפן חשבון פון די ערשטע אין כלערליי באַשעפטיקונגען (קרעמלעך, רעסטאָראַציעס, דינסט-אַרבעט, פאַרשידענע באַאַמטע א. א. וו.) די דאָזיקע קאָנצענטראַציע אַרום אַ פראָדוקציע, וועלכער עס פעלט אַ באַזיס האָט אין זיך אַנטהאַלטן עפּעס קאַטאַסטראָפאַלעס און ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס ס'איז געשען דעם דאָזיקן המון אינם טאָג, ווען ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די בהלה-בוי-אַרבעט.

סוף-כל-סוף האָט די זאַך געמוזט פלאַצן און תל-אביב, וואָס

איז געווען דער צענטער פון דער בוי-אַרבעט, איז געוואָרן דער צענטער פונם שווערן קריזיס.

א"י געפינט זיך נישט יעצט אין דער גליקליכער לאַגע פון לענדער, ווו דער מענטש קען גיין אין די דורכגעצעצטע וועגן. אין א"י איז באהאַלטן פיל רייכטום, אָבער כדי עס זאָל אַנטדעקט ווערן איז נויטיק איניציאַטיוו און אומפאַסנדע פאַכ-מענישע ידיעות. און אין דער ווירקלעכקייט איז עס אַלעס געווען איבער די מעגלעכקייטן פון די מענטשן פון דער פערטער עליה. איניציאַטיוו האָט זיי געפעלט לגמרי. עס זענען געווען „דורכ-געלייגטע וועגן" — ביים בויען אַ הויז, עפענען אַ געוועלב, א האָטעל, אַ סאָדע-וואַסער-ביידל, ביי באָדן-ספעקולאציע. דאָ איז געווען די גרעניץ. בלויז די ערד-ספעקולאַציע האָט איינגעשלונגען אַ גרויסן קאַפּיטאַל, פאַר וועלכן מען וואָלט געקענט קויפן פיל טויזנטער דונאַמען פרוכטבאַרן באָדן.

דער ייד. פּאָלקס-קאַפּיטאַל, כדי ער זאָל קענען מצליח זיין אין לאַנד, האָט אהין געדאַרפט קומען אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם וואָרום כדי צו צוטרעטן צו וועלכער ס'איז אַרבעט אין לאַנד, זע-נען נויטיק גרויסע פאַך-ידיעות. עס איז אויך נויטיק אַ פאַכמענישע אָנפירונג פון אַנטשפּרעכנדע אינסטיטוציעס. עס איז אויך אוממעגי-לעך, אז די קאַפּיטאַל-באַזיצער זאָלן קומען אין לאַנד באַלאַסטעט מיט גרויסע משפּחות.

דעם ייד. בעל-הבית האָט אויך געפעלט איניציאַטיוו צו אַנט דעקן נייע פּרנסה-קוואַלן. אין לאַנד, וואָס געפינט זיך נאָך אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד, איז פאַראַן פיל מעגלעכקייט פאַר אָנהויבן פּראָדוקציעס פון מיטלען פון ערשטן געברויך. עד-היום ווערן גע-בראַכט אין לאַנד סחורות אויף הונדערטער טויזנטער פונטן פון די דאָזיקע פּראָדוקציעס. די אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע פּראָדוקציעס פאָדערט נישט קיין גרויסע מיטלען, עס פאָדערט זיך אַ גרויסע איניציאַטיוו, ענערגיע און אַ קענטניש פון דער זאַך. מיר האָבן זיך איבערציינט, אַז יענע מענטשן, וואָס האָבן געקענט אַריינדרינגען

אין די דערמאָנטע פּראָדוקציעס, האָט מצליח געווען. אָבער אָנשטאָט אַ ברייטן אַריינדרינגען אין די דאָזיקע פּראָדוקציעס, די אַנטוויקלונג פון וועלכע איז מעגלעך אין אַלע שטעט פונם לאַנד און וואָס וואָלט געקענט באַשעפטיקן דאָרטן טויזנטער אַרבעטער, איז דער ייד. קאַפּיטאַל געבראַכט געוואָרן צו פאַרניכטונג.

עס איז באַקאַנט, אַז אין משך פון די יאָרן 1924—25 איז ל... די, וואָס ס'האָט נישט געפעלט קיין קאַפּיטאַל אין לאַנד, נאָר ס'איז געווען אַ גרויסער עודף, אַזוי אַז די באַנקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעפּאָזיטן. און דער דאָזיקער גרויסער קאַפּיטאַל איז פאַרשלונגען געוואָרן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן נישט געווען, דורך יענער לייכטזיניקייט, אויספעלן פון קענטניש, און אויספעלן פון עדר סאָלידקייט פון די אונטערנעמונגען פון דער פּערטער עליה. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט נישט באַוויזן ערנסטע פעאיקייטן אַריינצודרינגען אין נייע פּרנסה־צווייגן און האָט נישט געוווסט, ווי זיך צו אָרגאַניזירן אַלס קלאַס. און אויב ס'איז יאָ געווען אַ קלאַס פונם מיטלשטאַנד, האָט ער זיך אַנטפּלעקט נאָר אינם קאַמף מיטן ארבעטער און האָט נישט געטון גאָרנישט פאַר זייער קלאַס.

נישט ווייניק איז אויך געגאַנגען לאבוד פון דעם אַרבעטערס האָב־און־גוטס און פון זיין ארבעטס־פאַרדינסט. אין די דאָזיקע בהלה־יאָרן איז אין איין תל־אביב אַריינגעפלאָסן צו די אַרבעטער אַלס אַרבעטס־לוין ביז אַ מיליאָן עגיפּטישע פונט, — אַ גרויסער סכום, וואָס ווען ער וואָלט אויסגעגעבן ווערן מיט פאַרשטאַנד און עקאָנאָמיע, וואָלט ער געקענט איבערלאָזן דויערנדע ווערטן אויך פאַר דער אַרבעטערשאַפט פון תל־אביב. אָבער אויך דאָ איז דער קאַפּיטאַל צוטרענצלט געוואָרן און האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זייער ווייניק. נאָר גאָר אַ קליינע צאָל פון די טויזנטער אַרבעטער, ביי 600 פּערזאָן, האָבן געזאָרגט וועגן זייער צוקונפט און האָבן אַריינגעטראָגן דעפּאָזיטן אויפן חשבון פון בויען שכונת־עובדים, אין אַ באַדייטנדן סכום פון 7000 פונט. און נאָר ביז 100 מאַן האָבן באַוויזן צו באַזעצן זיך אין שכונת־בורוכוב. אַ טייל האָט זיך

אויך געבויט הייזער, און אַ טייל האָט אויפגעשטעלט צריפים. און אין די שלעכטע תנאים אין דער שכונה, ווען עס איז נישטאָ קיין וואַסער נישט נאָר צום באַגיסן, נאָר אויך צום טרינקען אין אַ גענוגנדער מאָס, האָבן זיי דאָך באַוויזן צו קויפן ביז 40 קי, 30 קעלבער און צו פלאַנצן 700 פאַרשידענע פרוכט-ביימער. איין טייל האָט זיך באַזעצט אין האַלב - פּראָלעטאַרישע שכונות, און האָט באַוויזן צו באַפעסטיקן זיין מצב און נישט נאָר אויפן געביט פון דער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע, אָבער אינם געביט פון פּראָדוקציע-קאָאָפּעראַציע האָט אַ טייל פון דער אַרבעטערשאַפט באַוויזן איבער-צולאָזן אָנזעעוודיקע שפורן.

דער געביט פון דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע אין א״י איז בלי ספק אַ ניי קאַפּיטל, וועלכער פאָדערט אַ ספּעציעלע אויפמערק-זאַמקייט. ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט כמעט ווי אַ פאַרלאָזטער געוויקס, אָן אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל דאגהן פאַר אים, אָן אפילו אַן אינערלעכן צענטער, בכדי צו באַראַטן זיך, און אַ געלט-אַנשטאַלט, וועלכער זאָל פינאַנסירן זיין אַרבעט.

מיט יאָרן צוריק האָט דער פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד אויפגעשטעלט קאָאָפּעראַטיוון און זיך פאַרנומען מיט זיי. אָבער פאַר די לעצטע יאָרן, מיט זייער אַנטוויקלונג, איז פאַר זיי נישט געזאָרגט געוואָרן, אויסער אין די קאָאָפּעראַטיווע קאָמיסיעס ביי די אַרבעטער-ראַטן, וועמענס אַרבעטס-קאָמפּעטענץ איז זייער באַ-גרענצט. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אויפגעבליט דער עיקר, אַ דאַנק דער אינערלעכער איניציאַטיוו, דער עקשנות און אויסדויער פון די חברים-גרינדער. יעצט דערגרייכט די צאָל קאָאָפּעראַטיוון ביז 76 (דער איבערוויגנדער רוב פון זיי איז געגרינדעט געוואָרן דוקא ביים אָנהייב פונם קריזיס), פון זיי 36 אין תל-אביב. די צאָל אַרבעטער דאָרטן איז 827, וואָס האַלטן אויס 2000 פּערזאָן. און עס איז כדאי צו זען, וואָס קענען אויפטון 800 מענטשן, ווען זיי האָבן איניציאַטיוו, אַ ווילן צו שאַפן עפּעס און אַ זאָרג פאַרן מאָרגן.

דער גרונט-קאַפּיטאַל פֿון די קאָאָפּעראַטיוון דערגרייכט ביז 25.000 פֿונט (פֿון זיי אין תּל-אָביב — דעם צענטער פֿון קריזיס — 20.000 פֿונט) — דער הילפֿס-קאַפּיטאַל, וואָס מען האָט באַוויזן צו קריגן (אין דער פֿאָרם פֿון קרעדיטן) — 18.000 (פֿון דעם 12.000 אין תּל-אָביב).

די דאָזיקע ציפֿערן פֿאָדערן נישט קיין פּירושים. זיי רעדן פֿאַר זיך. אָבער ביי די ציפֿערן קען אָנגעוויזן ווערן אויף נאָך אַ זאַך.

די קאָאָפּעראַציע אין א"י האָט געקענט אַנטפּלעקן איניציאַטיוו נישט נאָר אין אויפֿשטעלן אינסטיטוציעס, נאָר אויך אין אַריינדרינגען אין נייע אַרבעטס-צווייגן. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. ווארום ס'איז אפֿשר לייכט צו אַנטוויקלען אַ קאָאָפּעראַטיוו אין שניידעריי, שוסטעריי און סטאָלעריי — די פֿאַך-צווייגן, וואָס דער ייד קען זיי פֿון לאַנג. אָבער אין א"י איז נויטיק אַריינצודרינגען דווקא אין אַזעלכע פֿאַכן, וואָס מען קען זיי נישט פֿון גאָר לאַנג. און אונזער א"י-קאָאָפּעראַציע ווייס עס.

אַזוי זענען געשאַפֿן געוואָרן צו איבעראַרבעטן ערנערונגס-מיטלען פֿון עופֿות, כעמישע פּראָדוקציע, פּראָדוקציע פֿון אַקערן אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטס-מכשירים, פֿאַר שטייגן און בינשטאָקן, פֿאַר עלעקטרישער אינסטאַלאַציע, וועבעריי א. א. וו. און יעצט איז פֿאַראַן אַ ברייט געביט פֿאַר אַלע מינים קליינע און גרעסערע פּראָדוקציעס, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן ערשטן געברויך און וואָס ווערט נאָך עד היום באַפֿרידיקט מיט פּראָדוקטן, געבראַכטע אין גרויסע קוואַנטומס מחוץ לארץ.

די קאָאָפּעראַטיוון האָבן אויך באַוויזן, אַז זיי קענען זאָרגן פֿאַרן כאַראַקטער פֿון דער אַרבעט און איר קוואַליטעט. אַזוי זעען מיר, אַז אין דער רעגירונגס-אויסשטעלונג, וואָס איז אין 1927 פֿאָרגעקומען אין חיפֿה, האָט דער אַרבעטער-פּאַוויליאָן באַקומען 18 אויסצייכנונגען און מעדאַלן, פֿון זיי 10 גאָלדענע און 6 זילבער-

מעדאַלן. דער דאָזיקער פּאַוויליאָן האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינ־טערעס, און פיל באַזוכער, צווישן זיי אַ גרויסער טייל אַראַבער פון נצרת און אַנדערע ערטער, האָבן באַשטעלט אַרבעטן ביי די קאָאָפּעראַטיוון.

די דאָזיקע 800 פּערזאָן, וואָס טראָגן אויף זיך די קאָאָפּע־ראַטיווע אַרבעט, באַווייזן אונז, וואָס עס קען געמאַכט ווערן אין לאַנד, ווען עס איז פאַראַן ענערגיע, איניציאַטיוו און אַ ווילן צו שאַפן עפּעס. וואָרום א״י אין יעצטיקן מצב פאַרטראָגט נישט קיין אינערציע, און דער מענטש, וואָס עמיגרירט אַהין, דאַרף באַ־זיצן אַ ווילן צו אַרבעט און אַן איניציאַטיוו, — אַנדערש וועט ער דאָרטן נישט געפינען זיין פּלאַץ.

צום באַדויערן, געפינט זיך אויך צווישן דער אַרבעטערשאַפט אַ גרויסער רוב, ווען עס פעלט אַ חלוצישער ווילן. וואָרום דער חלוצישער רצון דריקט זיך נישט אויס בלויז אין דער פעיקייט צו ליידן און לעבן אַ שווערן לעבן, נאָר אינם ווילן אריינצודרינגען אין אַלע אַרבעטסצווייגן און צו פאַרוואַנדלען דעם אַרבעטס־פּלאַץ אין אַ פּלאַץ פון יצירה. און מיר זען טאַקי, אַז אין די גוטע יאָרן, קאָנצענטרירט זיך אין תל־אביב אַ צאָל אַרבעטער, וואָס איז גרע־סער, פון דער נויטווענדיקייט. אויך אין די יאָרן, ווען אַרבעט האָט לגמרי נישט אויסגעפעלט אין לאַנד און אין פיל ערטער האָבן גע־פעלט אַרבעטער, זענען אין תל־אביב געווען בוי־אַרבעטער מער ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט — און פיל האָבן געאַרבעט נאָר דריי מאָל אין וואָך, דען ס׳האט געלוינט: לוינען אין תל־אביב זענען געווען געענוג הויכע, פיל העכער, ווי אין אַלע שטעט אין לאַנד און על אחת כמה וכמה, ווי אין די דאָרפישע ישובים.

און אויך דאָס לעבן אין תל־אביב איז אַנגענעמער: פאַראַן אַ טעאַטער, פאַרלעזונגען, דער ברעג פון ים, ס׳איז אַ פרייע יידישע שטאָט מיט מעגלעכקייטן פאַר וכוחים און פאַרוויילונגען אין די גאַסן און ס׳איז דעריבער נישט געווען כדאי אַריבערצוגיין אין אַנדערע אַרבעטס־ערטער. און אָנשטאָט צו אַרבעטן שווער אין פּתח־

תקוה זעקס טעג אין וואָך, איז געווען מעגלעך צו אַרבעטן לייכטער אין תל-אביב און צו פאַרדינען דאָרטן דעם שכר אין משך פון 3 טעג אין וואָך.

ד ע ר ק ר י ז י ס א י ן א״י א י ז ד ע ר ק ר י ז י ס פ ו ן ת ל - א ב י ב: דער קריזיס פונם בעל-הבית אין תל-אביב וואָס האָט געגרינדעט און געהאַנדלט אָן אַ יסוד און אָן אַחשבון, וואָס האָט פאַרלוירן פיל געלט אין ספעקולאַציע און לופט-געשעפטן, און אויך אַ קריזיס פונם תל-אביבער אַרבעטער. וואָס האָט געזוכט א גרינג לעבן אין תל-אביב, האָט נישט געזאָרגט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, נישט געשטרעבט צו שאַפונג, צו עקאָנאָמיע, צו אַנטפלעקן זיינע כוחות און האָט צוטרענצלט זיינע כוחות און זיין מי אין דער שטאָט, וואָס האָט נישט קיין יסוד, — אין תל-אביב.

1.

יעצט איז שוין אַלעמען באַוווּסט: ארץ-ישראל וועט זיין
אַ לאַנד פון אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט. היינט-צוטאָג ליפערט
זי שוין אויפן וועלט-מאַרק אירע מאָנאָפּאָל-פּרוכטן — און אין דעם
האָט זי נישט קיין קאָנקורענטן. די זון — אָט דער ברענענ-
דיקערקאַלך-אויוון, וואָס יעדער נייער עולה פאַרשעלט אים ביים
אָנקומען, די גרויסע לויטערע ליכט, וואָס גיסט פון אים בשפע
אין משך פון דריי פערטל יאָר — דאָס איז דאָס גרעסטע רייכטום
פון דעם דאָזיקן סובטראָפּישן לאַנד, מיט די ים-ווינטן, וואָס בלאָזן
אין דער גאַנצער לענג פון זיינע ברעגן און לינדערן די ברענענדע
היץ, מיט זיינע טאָלן, וואָס אין עמק הירדן דערגרייכט זייער
טיפקייט 300 מעטער נידריקער פונם אויבערפלאַך פון ים און זע-
נען דעריבער פעיק צו לאָזן וואַקסן אַ טראָפּישע פלאָרע, מיט זיינע
בערג, וואָס דערגרייכן 300—500 מעטער העכער פון ים-שטח
און וואָס דערמאָנען מיט זייער קלימאַט דרום-פראַנקרייך. — דאָס
אַלץ ערמעגלעכט די אַנטוויקלונג פון אינטענסיווער און פילאַרטי-
קער לאַנדווירשאַפט, בעיקר אינם צווייג פון פלאַנצונגען.

אויף די בערגיקע שטחים אַנטוויקלען זיך די בעסטע סאָרטן
פון עס-וויינטרויבן, ראָזינקעס און וויין. עס וואַקסן דער איילבירט,
פייגנבוים און נאָך אַנדערע מינים,

אין די טאָלן פון יהודה און שומרון געפינען זיך די באַ-
רימטע פּרדסים, וואָס די פּאָמעראַנצן זייערע קאָנקורירן אויפן
וועלט-מאַרק מיט די פּאָמעראַנצן פון די אנדערע לענדער. און

עמק יזרעאל ווערן פאַרטיג די וויינטרויבן מיט אַנדערהאַלבן מאָ־
נאַטן פריהער, ווי אין דרום אייראָפּע (איטאַליע, שפּאַניע א. אַנד.) אין
עס איז פאַראַן די מעגלעכקייט אַרויסשיקן אויפן אייראָפּעישן מאַרק
די ערשטע טרויבן, וואָס שטייען נישט נידריקער לויט זייער קוואַ־
ליטעט פון די בעסטע פראַנצויזישע וויינטרויבן.

אין טאָל פון בית־שאן אַנטוויקלט זיך גוט דער בוימוואָל,
אין ירדן־טאָל וואַקסן מיט ערפאָלג באַנאַנעס און אַנדערער טייערע
טראָפּישע געוויקסן. אויף די בערג פון גליל העליון אַנטוויקלען
זיך ערפאָלגרייך סעדער פון עפּל, באַרנעס, פלוימען, אבריקאָסן
און אַנדערע פרוכטן.

די גערטנער פון גרינס הערן נישט אויף צו בליען אין משך
פון גאַנצן יאָר. עס זענען געמאַכט געוואָרן געלונגענע פרוון דורך
דער פיק"א צו קולטיווירן פּערפומ־געוויקסן און די עקסטראַקטן
פון די דאָזיקע געוויקסן שטייגן אַריבער לויט זייער קוואַלי־
טעט די געוויקסן פון דרום־פראַנקרייך. עס זענען אויך געמאַכט
געוואָרן אינטערעסאַנטע פרוון צו פלאַנצן הייל־געוויקסן — און זיי
האָבן אויך געהאַט ערפאָלג.

אפילו די דאָזיקע קליינע בערכדיקע רשימה באַווייזט, אויף
וויפיל די לאַנדווירטשאַפט פון א"י קען זיין רייך און פיל־אַרטיק.
מיט דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד און דער עיקר מיט דער איינ־
אָרדנונג פון דער עלעקטרישער אינסטאַלאַציע אין צוזאַמענהאַנג
מיטן רוטענבערג־פּראָיעקט, וועלן די עקסטענסיווע צווייגן פון דער
לאַנדווירטשאַפט ביסלעכווייז פאַרמינערט ווערן. עס וועט נישט
זיין קיין פלאַץ נישט נאָר פאַר דער פרימיטיווער באַאַרבעטונג
פון דער ערד מצד דעם אַראַבישן פעלאַך, נאָר אויך די פלחאַ־
פעלדער פונם ייד. פויער, וואָס ווערן באַאַרבעט מיט מאָדערנע
מאַשינען, וועלן אין זייער רוב פאַרוואַנדלט ווערן אין פלאַנצונגס־
פעלדער, אין גערטנער פון גרינס, אין קולטור־גערטנער און
פלעצער מיט טעכנישע געוויקסן. די דאָזיקע אינטענסיווע אַנטוויק־
לונג פון דער לאַנדווירטשאַפט וועט ערמעגלעכן א מער געדיכטע

באַזעצונג, — ווי מיר טרעפֿן עס אין די לענדער, וואָס זענען אַמגע־דיכטעסטן באַזעצט.

שוין היינט צו־טאָג זעען מיר אַ התחלה פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. אינם שווערען קריזיס, וואָס איז אַדורך איבערן לאַנד, האָט די לאַנדווירטשאַפֿט נישט נאָר נישט געליטן, נאָר, פֿאַרקערט, זיך זייער שיין אַנטוויקלט. מיר זענען אַזוי פֿאַרטאָן געווען אינם קריזיס, אַז מיר האָבן נישט געוווסט אָפּצושאַצן די נייע קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין משך פֿונם לעצטן יאָר. זעקס נייע דאָרפֿישע פּונקטן זענען אונז צוגעקומען אין עמק־יזרעאל אינם פֿאַרגאַנגענעם זומער. אויסער דעם זענען אונז אויך צוגעקומען דאָרפֿישע פּונקטן אין יהודה און ס'האָט זיך אויך פֿאַר־מערט דער ישוב אין די עקזיסטירנדע ישובים. בלויז די קאָלאָני־זאַציע פֿון תרפ"ז ציילט 1.700 פּערזאָן. ווען דער דאָזיקער אַרויפֿ־גיין אויפֿן באָדן וואָלט געשען אין אַן אַנדער צייט, וואָלטן מיר געוווסט אָפּצושאַצן אים אויף אַן אַנדער אופֿן, און היינט צוטאָג איז כמעט ווי מען ווייס נישט פֿון דעם.

ס'דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די גאַנצע קאָלאָניזאַציע פֿונם־עמק־יזרעאל ציילט בסך־הכל 5—6 יאָר. אָבער דאָס, וואָס די דאָ־זיקע יונגע קאָלאָניזאַציע האָט באַוויזן, איז נאָך ביז היינט נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק. ווען דער ייד. אַרבעטער איז אַרויף אויפֿן באָדן פֿון עמק, האָט ער דאָרטן נישט געטראָפֿן אפֿילו קיין איין פֿאַרפֿלאַנצטן בוים. אויסער דעם שטעכעדיקן קאַקטוס און א מין ווילדן דאָרן (אטד פּראי), האָט מען געקענט טרעפֿן בלויז אין אייניקע ערטער איינצלנע פֿייגנבוימער,[?] וועלכע זענען אויסגעוואַקסן פֿון זיך אליין. זומפּיקע באָדנס האָבן זיך צושפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט און ס'האָט זיך געפֿאָדערט א גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט, ביז וואַנען מען האָט געקאָנט צוטרעטן צו א לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועלכע זאָל זיין ראוי איר נאָמען.

און אָט נאָך ווינציק יאָרן געפֿינען מיר בלויז וויינגערטנער 7.000 קוסטן אויף א שטח פֿון 3.400 דונאַם, אויסער כלערליי

פּרוכטן-בוימער און אחוץ די אייקאַליפּטוס-וועלדלעך און די פּילע סאָסנע-בוימער. עס איז דאָ געווען אַן אויסערגעווייגלעך אָנגע-שטרענגטע אַרבעט, וואָס נאָר ספּעציאַליסטן האָבן זי באַוויזן ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב אין אַלגעמיין איז שוין היינט צו-טאָג נישט קליין, בהתאם צו דער גאַנצער צאָל יידן אין לאַנד. בסך-הכל דערגרייכט די צאָל פּערזאָנען פונם לאַנדווירט-שאַפטלעכן ישוב ביז 30.000. פון זיי געפינט זיך בלויז אין די ווירטשאַפטן פון דער ציוניסטישער לייטונג און אין די, וואָס ווערן דורך איר געשטיצט (פיל פון זיי זענען אַרבע-טער-ישובים), 10.400 מאַן. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב איז אין משך פון די לעצטע 7—6 יאָר געוואַקסן אין צאָל צוויי-דרום פאַר דער מלחמה איז געבליבן אין דאָרף נישט קיין גרויסע צאָל און מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די קאָלאָניעס אין יהודה האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען פונדאַסניי, נאָר אין די לעצטע 3—2 יאָר. די דאָזיקע קנאַפּע צאָלן באַווייזן אונז, אַז די ייד. לאַנדווירטשאַפט אין א״י געפינט זיך אין אמצב פון אכסדרדיקער און פּראָגרעסירנדיקער אַנט-ווייקלונג און אויב ס'וועט איר געווידמעט ווערן די נויטיקע אויפמערקזאַמקייט און, אַנשטאָט צו בויען לופט-שלעסער, וועט דער ייד. קאַפּיטאַל — דער גרויסער און מיטעלער און אפילו דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל — זיך אָפּווענדן צו דער לאַנדווירט-שאַפט, קען זי אין דער נאָענטער צוקונפט געבן וואונדערבאַרע רעזולטאַטן און וועט אויך פאַרברייטערן אָן אַן ערך די מעגלעכ-קייטן פון אַרבעט און עליה.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע אַנטשטייט אויך די פראַגע וועגן ייד. אַרבעט אין די קאָלאָניעס, וועלכע טראָגט דעם קלאַסישן נאָמען „כבוש העבודה".

די זעלבסטשטענדיקע קאָלאָניזירונג פונם ייד. אַרבעטער איז וויכטיק אַן און פאַר זיך און וואָס מער מיר וועלן קענען

צו לאָזן וואַרצלען אין דער ערד, וועט אונזער באַוועגונג פאַר־בּרייטערט ווערן און מיר וועלן קענען שאַפן אַ נייעם לעבנס־ערשיינונג, ווייל אונזער באַוועגונג לעכצט נאָך יצירה. מיר זע־נען אָבער אויך אַ באַוועגונג פון עליה און מיר דאַרפן זאָרגן וועגן אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר טויזנטער חברים, וואָס גרייטן זיך צו עמיגרירן קיין א״י. ס׳איז נישט קיין ספק, אז די ייד. לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד איז מסוגל צו געבן אַן אַרבעטס־פלאַץ פאַר טויזנטער אַרבעטער. אָבער אַלס אַ שטערונג אויפן וועג שטייט די פראַגע וועגן ביליקער אַרבעט. ווען פתח־תקוה האָט זיך באַזעצט אויפן באָדן, האָט לעבן איר עקזיסטירט אַ קליינער אַראַבישער דאָרף פון עטלעכע צענדליק איינוווינער. היינט קאָנצענטרירט זיך אַרום פתח־תקוה אַן אַראַבישער ישוב פון עטלעכע טויזנטער פערזאָן, וואָס זענען אַהין געקומען פון ווייטע ערטער, פון עבר־הירדן, פונם מדבר, פון אַנדערע ווייטע מקומות.

מיר זענען אַרומגערינגלט מיט ברייטע לענדער, וואָס האָבן פיל ביליקע הענט, וועלכע וועלן באַלד וועלן מיט אונז קאָנקו־רירן. מיר דאַרפן זיך ערנסט באַשעפטיקן מיט דער פראַגע און ס׳זענען פאַראַן וועגן צו דעם. צווישן זיי — אַ געזעצלעכער שוץ פאַר אַ מינימאַלן אַרבעטס־לוין, אַ שטאַרקע אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער, גלייכבאַרעכטיקונג פון אַרבעט אין די מלוכהשע און שטאָטישע ווירטשאַפטן און פאַרצוגס־רעכט אויף אַרבעט אין די ייד. ווירטשאַפטן. נישט דאָ איז דער פלאַץ צו באַהאַנדלען די פראַגע אין איר גאַנצער ברייט. אָבער ס׳איז קלאָר, אַז פאַר דער ייד. אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָס אַ לעבנס־פראַגע.

צו אונזער גליק, האָט זיך די אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד אָנגעהויבן מיט דער התחלה פון דער 3־טער על׳ה, ווען ס׳איז געווען אויך אַ הלוצישע עליה. אַזוי אַרום איז אונז ערמעגלעכט געוואָרן צו שאַפן זיך אַ זיכערע פּאָזיציע אין דער בוי־אַרבעט. מיר האָבן אויך באַשטימט גענוג גוטע לוינען, נישט מורא האָבנ־

דיק צוגלייך פאר דער קאָנקורענץ פון דער ביליקער ארבעט. אדרבא, דער ארבעטס-לוין שטייגט אויף אזא אופן, אז אויך דער אראבישער אַרבעטער, וואָס ארבעט אין דעם פאך, באַקומט דיזעלבע באַדינגונגען.

נישט אזוי איז געווען ביי דער ארבעט אין די קאָלאָניעס. די 2-טע עליה (דער אָנהויב פון דער ארבעטער-עליה אין לאַנד) האָט שוין געפונען אין די קאָלאָניעס דעם אראבישן אַרבעטער. דער ייד. פויער האָט איבערגענומען דעם וועג פון דעם עפענדי און דער אראבישער ארבעטער האָט אים געדינט נישט נאָר אַלס ארבעטער, נאר איז געוואָרן, צוזאמען מיט זיין משפחה, אַ שקלאַף ביי אים אין הויז. זיי האָבן געוווינט אין זיין הויף און זענען אין אַלץ געווען אָפּהענגיק פון בעל-הבית און זיין הויז-געזינד. אזוי ארום האָט דער ייד. ארבעטער געפונען אַ שווערן קאָנקורענט נישט נאָר אין דער פראגע פונם הויך פון ארבעטס-לוין, נאָר אויך אין דער פאָרם פון דער ארבעט. אויך יעצט עקזיסטירט די פראגע אין דערזעלבער פאָרם. וואָרום דורכן אריינדרינגען פון ייד. ארבעטער אין דער קאלאניע, איז געשטיגן דער גאנצער ארבעטס-לוין, אויך פארן אראבישן ארבעטער, אזוי אז ס'איז נישטאָ כמעט קיין אונטערשיד. ס'זענען פאראן פאלן, ווען דער אראבישער ארבעטער באקומט מער פארן יידישן. אָבער דער בעל-הבית פון פרדס אין דער קאָלאָניע גיט פאָרצוג דעם נישט-אָרגאניזירטן, אָפּהענגיקן אראבישן ארבעטער, וועלכער וווינט מיט זיין משפחה ביים בעל-הבית אין הויף, לגבי דעם ייד. ארבעטער, וועלכער לאָזט זיך נישט אונטערדריקן און וועלכער איז אָרגאניזירט אין זיין הסתדרות.

דאָס איז דער עצם פון דער פראגע פון ייד. ארבעט אין דער קאָלאָניע. ד אָ ס איז די פראגע, צוזאמען מיט פיל זייטיקע פראגן, — ווי צו באפעסטיקן זיך אין דער פריוואטער קאָלאָניע, וואָס קען, לויט אירע אַרבעטס-מעגלעכקייטן, אריינגעמען נאָך עטלעכע טויזנטער ייד. ארבעטער איבער די 5000,

וואָס זענען אָהין אריינגעדרונגען אין משך פון די 4 לעצטע יאָר און וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב, וועט דאָרטן זיין אַרבעט פאַר פיל טויזנטער אַרבעטער. אַלס איינער פון די מיטלען פאַר דעם איז געווען די גרינדונג פונם אונטערנעמונגס - אַמט (משרד קבלני) פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן ביי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע.

די אויפגאַבן פונם אונטערנעמונגס-אַמט זענען צו באַקומען אונטערנעמונגס-אַרבעטן ביי פויערים, אָדער ביי לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, לויט אַן אָפּמאַך און מיט אחריות פאַר דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט.

דאָס דאָזיקע אָפּגעבן אין קבלנות לוינט דעם פלאַנצער, וויל זי פאַרשפּאָרט אים די הוצאות אויף אָנפירן און משגיח זיין אויף די אַרבעטער. זי פאַרזיכערט אויך די קוואַליטעט פון דער אַרבעט. דער אונטערנעמונגס-אַמט נעמט איבער די אַרבעט, לויט אַן אָפּמאַך. ער פון זיין זייט גיט איבער די אַרבעט אַן אַרבעטער-קבוצה אויף די תנאים פונם אָפּמאַך, אַראָפּרעכנענדיק אַ קליינעם פּראָצענט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס לוינט אויך דעם אַרבעטער, הן אין הינזיכט פונם הויך פון לוין, הן אין הינזיכט פון אַ גרויסער פרייהייט, וואָס ווערט אים געגעבן אין דער אויספירונג פון דער אַרבעט. וואָרום די קבוצה האָט אַ מעגלעכקייט צו מאַכן געהעריקע קאָמבינאַציעס אינם שיקן אירע חברים צו דער אַנטשפּרעכנדער אַרבעט און אין אַ צייט, וואָס איז אַממערסטן פּאַסיק פאַר איר.

דער דאָזיקער אַנשטאַלט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן נאָר אינם לעצטן יאָר, מיט זייער קליינע מיטלען. אמת, עס איז אים פאַרזיכערט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער לייטונג 5000 ענג. פונט. אָבער מען האָט אים געגעבן בלויז 400 פונט און הגם דער מאַנגל אין אומזאַץ-קאַפּיטאַל לאָזט זיך זייער פילן, האָט

ער דאַך באַוויזן אין משך פונם לעצטן יאָר נישט ווינציק אויפ־צוטון מיט זייגע קליינע מיטלען. ער האָט אָנגענומען פלאַנצונגס־ און אַקערונגס־אַרבעטן אויף אַ סכום פון 12.000 פונט, אויף אַ שטח פון 1400 דונאַם, און ער האָט זיך אויך ערוואָרבן אַ נאָמען פון אַן אָנשטאַלט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט. די אַרבעטער האָבן באַקומען זייער לוין צו דער צייט און במזומן. דער אַרבעטס־לוין איז געשטיגן. און דער אמת האָט אפילו פאַרענדיקט די אָנגענומענע אַרבעטן מיט אַ געוויסן ריוח.

דער סך־הכל איז: די לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון דער באַזונדערס אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע. זי דאַרף קאָנצענטרירן גרויסע מיטלען. זי האָט אַ צוקונפט אויפן וועלט־מאַרק. זי וועט ערמעגלעכן צו מאַכן גע־דיכטער דעם ייד. ישוב אין לאַנד. און די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע פון איר זייט דאַרף זאָרגן פאַר דעם, אַז זי זאָל אליין ערשאָבערן אַ זיכערן אָרט אין דער זיך אַנטוויקלענדער לאַנד־ווירטשאַפט, הן פאַרן אַרבעטער, וואָס שאַפט אין אייגענע ווירט־שאַפטן, הן פאַרן לוין־אַרבעטער אין די פּריוואַטע און נאַציאָנאַלע־ווירטשאַפטן.

.III

ארץ־ישראל געפינט זיך איצט אויפן שוועל פון א וויכטיקער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. לאמיר זיך אפשטעלן אויף דעם בקצור.

יעדעס לאנד פארמאגט זיינע באזונדערע רייכטימער, און עס איז דעריבער נויטיק גרויס פארזיכטיקייט ביים פארגלייכן צווישן זיך די אנטוויקלונגס־וועגן פון באזונדערע לענדער און ביים וועלן לערנען פון איינעם אויף דעם צווייטן. נישט־פארזיכטיקייט — דאס איז אויך געווען דער פאטאלער פעלער פון דער פערטער עליה, אויף וויפיל זי האט בכלל געהאט א ווירטשאפטלעכן פראגראם פאר דער אנטוויקלונג פונם לאנד. בפרט דארף מען זיין פארזיכטיק, ווען מען קומט צו דעם לאנד, וואס זיינע נאטירלעכע רייכטימער באהאלט עס אין זיך און ווייזט נישט ארויס, ווו עס געפינט זיך.

אין ארץ־ישראל איז נישט פאראן נישט קיין גאלד־אוצרות, נישט קיין נאפט־קוואלן און נישט קיין קוילן־גרובן. זי פארמאגט אויך נישט קיין אנדערע מעטאלן. און דעריבער איז פארויס קלאר, אז די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון דעם דאזיקן לאנד וועט זיין אן אנדערע ווי פון יענע לענדער, וואס פארמאגן אט די אלע רייכטימער. אין ארץ־ישראל איז פארבארגן אן אנדער נאטירלעכער אוצר, וואס איז נישט מינדערווערטיקער פאר דער אנט־וויקלונג פונם לאנד, ווי די שטאפן, וואס געפינען זיך אין די איבעריקע לענדער. דאס באדייט אבער, אז אלע פלענער פאר דער אנטוויקלונג פונם לאנד און איפבויען דארטן א געזונטע אינדוסטרי,

זענען פֿאַרבונדן מיט די נאַטירלעכע מעגלעכקייטן, וואָס זענען דאָרטן בנמצא.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז גרויסע רייכטימער זענען פֿאַרבאָרגן אין ים-המלח און ארום אים. און אויב מיט אייניקע יאָר צוריק איז דאָס געווען נישט מער, ווי בלויזע השערות, איז יעצט, נאָכדעם ווי עס זענען שוין דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַכמענישע פֿאָרשונגען און די רעגירונג האָט אויסגעפֿאָרשט די גרויס פֿון די דאָזיקע מעגלעכקייטן, — האָבן מיר שוין פֿאַר זיך דורכגעטראַכטע ציפֿערן, וועלכע פֿאַלן צונויף מער-ווייניקער מיט דערווירקלעכקייט. גענוג איז דערביי צו ברענגען בלויז די מיינונגען פֿון עקספּערטן.

וואַלדעמאַר קעמפּערט, אַן אינדוסטרי-עקספּערט, שרייבט אין „ניו-יאָרק-טיימס", אַז דער אוצר פֿון די כעמישע מינעראַלן וואָס געפֿינען זיך אין ים-המלח, איז עלול צו מאַכן אַן איבערקערעניש אויפֿן וועלט - מאַרק. אין דער דאָזיקער געגנט וועט די כעמישע אינדוסטרי זיין די גרעסטע אויפֿן נאָענטן מזרח. אין משך פֿון אַ לאַנגער געאָלאָגישער תּקופֿה האָט דער ירדן אַריינגעבראַכט אין ים-המלח קאָלאָסאַלע קוואַנטומס פֿון פּאָטאַש, בראָם און כלאָראָידן. די פּאָטאַש-אינדוסטרי וועט קאָנקורירן מיט דער פּאָטאַש-אינדוסטרי אין דייטשלאַנד. קעמפּערט שאַצט אָפּ דעם ווערט פֿון די מינעראַלן-רייכטימער אין דער גרויס פֿון אַן ערך 1200 מיליאַרד דאָלאַר. פֿון אַ גרויס וויכטיקייט איז דאָס, וואָס דער גאַנצער אוצר געפֿינט זיך אויף אַ קליינעם שטח און איז נאָענט צום סועץ, — דעם וויכטיקסטן וועלט-פֿאַרבינדונגס-פּונקט.

קעמפּערטס אַרטיקל האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די גרעסטע אינדוסטריעלער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע צו דעם דאָזיקן ענין. אַ דאַנק די אַדורכגעפֿירטע אויספֿאָרשונגען האָט א"י מיט אירע נאַטירלעכע רייכטימער באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. עס זענען באַלד אָנגעגעבן געוואָרן פֿיל פֿאָרשלאַגן וועגן קאָנצעסיעס אויפֿן ים-המלח. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ סינ-

דיקאַט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך טאָמאַס גאַרטאָן, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ציגציגאַטי, געוועזענער קאָנסול פון אַמעריקע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן ספּעציעל מיט דער פראַגע פונם דייטשן פּאָטאַש. ער איז אויך געווען דער ראַטגעבער פון דער געזעלשאַפט פון כעמישער אינדוסטרי „גרייט בריטאַניע״ פון בראַנער, מאָנד און קאָמפּ. אין דעם דאָזיקן סינדיקאַט געפינען זיך ענגלענדער און יידן.

י. ירמיה (אין „דבר״ נומ. 740) שרייבט וועגן דעם:

... די עקספּלאָאַטאַציע פונם ים־המלח איז נישט נאָר קיין רייכטום פאַר זיינע קאָנצעסיאָנערן. אַחוץ שטענדיקע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר טויזנטער, אַחוץ דעם דורכלייגן אַן אייזנבאַן אין עמק, וואָס וועט אַנטוויקלען די גאַנצע אומגעגנט, אַחוץ דעם פּאָטאַש, וואָס איז אַ ביליקע באַמיסטיקונג פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, גיט נאָך דער ים־המלח גרויסע מעגלעכקייטן צום שאַפן אַ גאַנצע נעץ פון גרעסערע און קלענערע כעמישע אינדוסטריען״. ער רעכנט אויס אַ גאַנצע רשימה פון אַזעלכע אינדוסטריען און ענדיקט: „מ'קען האָפן, אַז אונטער דער השפעה פון אַזעלכע צוויי גראַנדיעזע אַרבעטן, ווי דער ים־המלח און די עלעקטריפיקאַציע פונם ירדן, וועט אונזער לאַנד דערגרייכן גאָר אינגיכן אַ הויכע עקאָנאָמישע מדרגה און וועט ווערן אויפנאַמספעאיק פאַר אַ גרעסערער עמיגראַציע״.

אַחוץ דער גרויסער אַרבעט, וואָס וועט ווערן אָפּגעטון אין טאָל פון ים־המלח, וועט זיך אין לאַנד אַנטוויקלען אַ רייע פון כעמישע אינדוסטריען, וואָס וועלן באַאַרבעטן די הויפּט־מינעראַלן פון ים־המלח. די אינדוסטריען וועלן אויך באַאַרבעטן די אָפּפאַלן פון די דאָזיקע מינעראַלן. אין לאַנד געפינען זיך אָבער מינעראַלן אויך אין אַנדערע ערטער, וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פון דער כעמישער אינדוסטריע אין לאַנד וועלן זיי אויך אריינגיין אין חשבון. פון דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז די הויפּט־אינדוסטרי אין לאַנד וועט זיין די כעמישע און אַנדערע צו איר נאָענטע אינדוס־

טריען. די דאָזיקע אינדוסטריען זענען עלול רייך צו מאַכן דאָס לאַנד, ווייל זיי זענען זייער טייערע און וועלן אויך באַשעפטיקן פיל אַרבעטס-הענט.

די פראָדוקציע אין א"י וועט זיך אָבער נישט באַגרענצן מיט די אויבנדערמאָנטע אינדוסטריען אליין. זי האָט נאָך א גאַנץ גרויסן פלאַץ פאַר אַנטוויקלונג אויסערהאַלב יענע אינדוסטריען, — אויך אין געביט פון מינעראַלן-באַאַרבעטונג. עס זענען פאַראַן אין לאַנד גיפס-בערג, וואָס מען האָט נאָך זיי נישט גערירט און זיי אַנטהאַלטן אויך א גרויס רייכטום. פון ביידע זייטן ירדן געפינען זיך רייכע שיכטן מיט פאָספאַטן, וואָס קענען קאָנקורירן מיט די פאָספאַטן פון אַנדערע לענדער. עס זעט זיך פאַר אויך אַ גוטע צוקונפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער צעמענט-אינדוסטרי. א וויכטיקער און געלונגענער פרוב איז שוין געמאַכט געוואָרן. די כרמל-בערג אַנט-האַלטן א גרויסן רוי-מאַטעריאַל פאַר דעם און דער צעמענט שטייגט איבער, לויט זיין קוואַליטעט, יענעם, וואָס קומט אפילו פון די פאטענטירטע אויסלענדישע פאַבריקן. די צעמענט-פאַבריק „נשר" האָט פאַרנומען נישט נאָר דעם א"י-מאַרק, נאָר זי דרינגט אויך אַריין אין די שכנותדיקע לענדער.

אַ גרויסע וויכטיקייט וועט האָבן די שטיין-אינדוסטרי אין א"י. דער שטיין וואָס ווערט געטראָטן אונטער די פיס, וואָס מאַכט מיד דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט און ווילדקייט, — ער וועט ווערן א ווינקל-שטיין. עס זענען פאַראַן לענדער, וואָס שפייזן צענטליקער טויזנטער אַרבעטס-הענט ביי דער דאָזיקער אינדוסטרי. איינע פון די דאָזיקע לענדער איז איטאַליע, וואָס שיקט אירע שטיינער אין די ווייטע לענדער. צוריק מיט אייניקע יאָר האָבן זיי אויך דערגרייכט די ברעגן פון חיפה. אין דער דאָזיקער אינדוסטרי קאָנען מיר קאָנקורירן מיט איטאַליע. אין לאַנד איז פאַראַן פאַרשידנאַרטיקע, ביז גאָר שיינע סאָרטן פון שטיין.

מיר האָבן דעם בוי-שטיין פון ירושלים וועלכער איז באַקאַנט מיט זיינע שיינע קוואַרץ-קערנדלעך, וואָס גלאַנצן אַרויס

פון דעם אַרומגעהאַקטן שטיין קעגן דער זון. מיר האָבן דעם ווייכן, ווייסן קאַלך-שטיין פון כרמל, דעם שוואַרצן גלאַנציקן באַזאַלט-שטיין פון די טבריה-בערג. אָבער דער וויכטיקסטער פון אַלע איז — דער מאַרמאָר-שטיין פון די בערג פון גליל העליון, אָט דער דאָזיקער רויטער, ברענענדיקער מאַרמאָר מיט זיינע צאַרטע אָדערן.

אויך היינט צו-טאָג איז די דאָזיקע אינדוסטריע אַנטוויקלט אין לאַנד. די אַראַבער באַשעפטיקן זיך שוין פון לאַנג מיט שטיינהאַקעריי, אָבער אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן. די איטאַליענער זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פאַרפאָלקאָמונג אין דעם דאָזיקן פאַך. און איצט איז דער יידישער אַרבעטער צוגעטראָטן מיט דעם גאַנצן ערנסט צו דעם דאָזיקן פאַך. אָבער בכדי צו דערהויבן דאָס צו א געהעריקער הויך, איז נויטיק אַריינלייגן אַ באַשטימטן גרונט-קאַפּיטאַל. דאָך האָט שוין באַוויזן דער יידישער שטיין צו באַקומען אַן אויסצייכנונג אויף דער וועלט-אויסשטעלונג אין וועמבלעי, אין ענגלאַנד.

איצט מיטן אָנהויב פון די פּאָרט-אַרבעטן ביי חיפה, וועט געגעבן ווערן אַ געוואַלטיקער שטויס דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אינדוסטריע, ווייל די אַרבעט אין פּאָרט אַליין וועט פאָדערן 5000 קובישע מעטר שטיין טאָג-טעגלעך.

אָן ספק וועט אין ארץ ישראל זיין א ברייט פלאַץ פאַר פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריען, וואָס וועלן באַאַרבעטן די אָרטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע און די פּראָדוקציע פון די אַרומיקע לענדער. די דאָזיקע לענדער קענען צושטעלן א סך וואָל און פעל צו אויסאַרבעטונג. נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען אַלע צווייגן פון דער דאָזיקער אינדוסטריע, אָבער איניציאַטיוו און מיטלען קענען אויפשטעלן אַ וויכטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע.

עס זענען שוין געווען פּרוון אויפצושטעלן אין לאַנד א צענטער פון טעקסטיל-אינדוסטריע. דער געאָגראַפישער מצב פון

א״י איז זייער גינסטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַזאַ מין אינדוסטרי, אָבער דער פּאָליטישער מצב פֿון לאַנד, דאָס, וואָס זי איז אָפּהענגיק פֿון דער ענגלישער מעטראָפּאָליע, וואָס פֿאַרמאָגט מאַנטשעסטער, שטערט איר פֿיל אין די דאָזיקע מעגלעכקייטן. פֿונדעסטוועגן קען מען נישט פֿאַרמינדערווערטיקן די פּרווון אינם דאָזיקן געביט, אדרבא, זיי זענען זייער וויכטיק און סוף סוף וועט מען די דאָזיקע פּאָזיציע אויך פֿאַרנעמען. תל-אביב, וואָס איז געבויט אָן אַ שום עקאָנאָמישן יסוד, קען פֿאַרריכטן זיין מצב דורך אויפֿשטעלן אייניקע טעקסטיל-פֿאַבריקן. די פֿאַבריקן, וואָס געפֿינען זיך שוין היינט צו-טאָג, באַווייזן, אַז זיי האָבן אַן עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג און אַנטוויקלען זיך גוט.

די הויפּט-אינדוסטרי-שטאָט וועט זיין חיפה. עס וועט ביי איר געבויט ווערן אַ וויכטיקער פּאָרט און זי וועט זיין פֿאַרבונדן מיט אַן אייזנבאַן מיט די צענטרען פֿון דער אינדוסטרי. אָבער אויך די עקאָנאָמישע באַזע פֿון ירושלים און תל-אביב וועט דאַרפֿן באַפֿעסטיקט ווערן. אַ חוץ דער אויבן-דערמאָנטער טעקסטיל-אינדוסטרי, קענען אין תל-אביב אויך אַנטוויקלט ווערן א סך קליינע אינדוסטריען צו באַפֿרידיקן די טאָג-טעגלעכע באַדערפֿנישן אויף קליידער, שיך, שפּייז א. א., וואָס ווערן ביז איצט געבראַכט אין גרויסע סכומים פֿון אויסלאַנד און פֿון מצרים און וועלכע מ׳קען באַשטימט אַנטוויקלען אין לאַנד גופֿא. אַ וויכטיקער גורם צום אַנטוויקלען די אויבנדערמאָנטע שטעט וועט זיין די טוריסטן-באַוועגונג און אויך דאָס, וואָס צוליבן מילדן קלימאַט פֿונם לאַנד קענען די סביבות פֿון תל-אביב פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אויסגעצייכנטע קור-ערטער. מיט דער דאָזיקער פֿראַגע האָבן זיך שוין א סך ספּעציאַליסטן פֿאַרנומען א לענגערע צייט — און דאָס איז זייער אַלעמענס מיינונג. די דאָזיקע צוויי אויבנדערמאָנטע גורמים קענען דינען פֿאַר א קוואַל פֿון פּרנסה פֿאַר צענדליקער טויזנטער משפּחות. האָבן מיר דאָך שווייץ, ווו דער עקאָנאָמישער וווילשטאַנד באַזירט אין א גרויסער מאָס אויף דער טוריסטן-באַוועגונג

און אויף די רו־ און הייל־ערטער. דערביי קומען אויך אין באַ־טראַכט די נאַטירלעכע הייל־ערטער אין טבריה און חמה. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס אַלעס פאָדערט אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ פונם לאַנד, און דאָס וועט קומען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג.

דעם מאַנגל אין שטיין־קוילן און נאַפט וועט גלייכצייטיק דערגאַנצן די אינסטאַלאַציע פון עלעקטרישער קראַפט, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען רוטענבערג־אונטערנעמונג. דורך דער דאָזיקער עלעקטרישער סטאַציע וועט געגעבן ווערן ליכט און באַוועגונג די אינדוסטרי־אונטערנעמונגען אין לאַנד, עס וועלן אויך עלעקטריפיצירט ווערן די באַנען. עס איז פאַראַן אין לאַנד נאָך אַ גרויסער רעזערוו פון סטיכישע נאַטור־כּוחות, וואָס מ׳וועט זיי שטענדיק קענען איינשפּאַנען, בכדי צו באַקומען פון זיי אַ גרויסע באַוועגונגס־קראַפט.

נאָך אַ מעגלעכקייט פון אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג איז אונז פאַרויסגעזען פון אַן אַנדער זייט — פונם ים. לויט איר געאָגראַפישער לאַגע איז א״י אַ טראַנזיט־לאַנד און אַלס אַזעלכע איז זי געווען אין די אַלטע צייטן. א״י שטעלט מיט זיך פאָר אַ נאַטירלעכן פאַרייניקונגס־דורכגאַנג פון די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס ליגן אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים, צו די לענדער פון נאָענטן מזרח און מיטל־אַזיע. ביז יעצט אָבער איז באַשטאַנען אַ וויכטיקע שטערונג. דאָס איז דאָס פעלן פון אַ פּאָרט פאַר שיפן. יעצט מיטן בויען דעם פּאָרט אין חיפה, וועט די דאָזיקע שטערונג פאַרשווינדן. דער דאָזיקער פּאָרט וועט זיין איינער פון די וויכטיקסטע פּאָרטן אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים. דער נאַטירלעכער איינגוס ביי חיפה איז זייער פּאַסיק פאַרן אויפבוי פון אַ גראַנדיעזן פּאָרט, און דער ים ביי חיפה וועט אין איניקע יאָר אַרום פאַרבינדן אייראָפּע מיט דער נאָענטער און מיטעלער אַזיע.

די באַדייטונג פונם דאָזיקן פאַרייניקונגס־דורכגאַנג וועט

זיך נאָך מער פאַרגרעסערן מיטן פאַרענדיקן די פאַרבינדונג פון די אייזנבאַן־ליניעס קאָנסטאַנטינאָפּאָל—ביירוט—חיפה—מצרים. פון איין זייט וועט חיפה דירעקט דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַרבינדן ווערן מיט די אייראָפּעאישע אייזנבאַנען, פון דער צווייטער זייט, וועט זיך אָנהויבן דער בוי פון דער נישט ווייניק וויכטיקערער אייזנבאַן־ליניע חיפה—באַגדאַד—אינדיע. אויך די שאָסיי־וועג וועט פאַרבינדן חיפה מיט באַגדאַד פון איין זייט און מיט ביירוט פון דער צווייטער זייט. לעצטנס איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז די נאַפט־רערן פון מעסאָפּאָטאַמיע וועלן דורכגעפירט ווערן ביזן חיפהער פּאָרט און אַז מען איז שוין צוגעטראָטן צו אויסמעס־טונגס־אַרבעטן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם.

דער דאָזיקער קליינער איבערזיכט רעדט פאַר זיך אַליין. ס'איז קלאָר, אַז אין אייניקע יאָר אַרום וועט חיפה ווערן אַ וויכטיקער פאַרבינדונגס ־ צענטר צווישן אַלע טראַנזיט־צענטרען פונם וועלט־מאַרק. דער עקספּאָרט און טראַנספּאָרט פון טראַנזיט־סחורות וועט אויך איבערלאָזן אַ גרויסן קאַפּיטאַל אין לאַנד גופא, חיץ וואָס ער וועט ערמעגלעכן אַ גרויסע אַנטוויקלונג פונם האַנדל.

דער ים האָט אַ באַדייטונג אַן און פאַר זיך. דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך ביים ברעג פון ים און ס'איז פאַראַן אַ מעג־לעכקייט צו אַנטוויקלען פיש־פאַנגעריי און די אינדוסטריען, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן. ס'קען זיך אויך אַנטוויקלען אַ ים־נאַוויגאַציע און מ'קען אַריינדרינגען אין אַלע צווייגן פון שיפעריי.

פון דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז ארץ־ישראל שטייט יעצט ביים שוועל פון אַ גרויסער אַנטוויקלונג, וואָס וועט ראַדיקאַל ענדערן איר ווירטשאַפטלעכן פּרצוף. עס אַנטשטייט, פאַרשטייט זיך, אַ פראַגע, ווער וועט זיין דער עיקרדיקער פאַקטאָר ביי דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד: דער יידישער אָדער נישט־יידישער קאַפּיטאַל. דאָס איז אַ פראַגע, וואָס קען נישט געלייזט ווערן

דורך השערות. ווייל פון איין זייט, בעפינט זיך נישט אין אונזער רשות דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פונם לאַנד. דאָס איז כמעט אַ סטיכישער פּראָצעס, אָבער דאָס אַרייַנדרינגען פונם ייד. קאַפּיטאַל איז אַ זאַך, וואָס איז אָפּהענגיק פונם גוטן ווילן און גוטן פאַרשטאַנד פון ייד. קאַפּיטאַליסטן. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז מיטן אויסנאַם פון איינצלנע פאַלן, האָט זיך ביז יעצט דער ייד. קאַפּיטאַל אויסגעצייכנט מיט אַ מאַנגל פון ווירטשאַפטלעכן פאַרשטאַנד און שטענדיקער איניציאַטיוו. דער ייד. קאַפּיטאַל, איז לויט זיין כאַראַקטער, אויך אַ ספּעקוליאַטיווער און האָט זיך מורא צו פאַרבינדן מיט אונטערנעמונגען, וואָס פאָדערן געדולד, אויסדויער און שאַפנדע ענערגיע. עס דאַרף ערוועקט ווערן אַ גרויסע איניציאַטיוו, וועלכע זאָל קענען קאָנצענטרירן ייד. קאַפּיטאַל אַרום דער לעבעדיקער, זיכערער א״י־אונטערנעמונג. עס איז בלי ספק, אַז דערביי וועט אים אויך העלפן דער איניציאַטיוו־רייכער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל. אָבער דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך. איין זאַך איז קלאָר, — אַז די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיך צוגרייטן צו די מעגלעכקייטן פון אַ שנעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד. מיט אַ פאַרנונפטיקער איניציאַטיוו דאַרף זי גרייט זיין צו פאַרנעמען אַ זיכערן און שטענדיקן אָרט אין די גרויסע אַרבעטן, וואָס וועלן געטון ווערן אין לאַנד. דאָס איז אונזער גרויסע פליכט און רעכט.

אויב בראש פון די אונטערנעמונגען וועט שטיין ייד. קאַפּיטאַל, איז מה־טוב, און אויב בראש וועט אפילו שטיין דער נישט־יידישער קאַפּיטאַל, דאַרפן מיר קענען אַרייַנדרינגען אין די מחנות אַרבעטער פון יעדער אונטערנעמונג. דאָס איז אונזער וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפגאַבע ביים יעצטיקן מאָמענט. און זאָל אפילו דער ייד. קאַפּיטאַל נישט קענען פאַרנעמען זיין פּאָזיציע אין ארץ־ישראל, אָבער די א״ידיקע אַרבעטער וועלן זיין יידן. דאָס איז אונזער גרויסע רעכט: מאָנען אַרבעט אינם דאָזיקן לאַנד, און דאָס דאָזיקע רעכט איז

גרעסער פאַר אַלע אַנדערע היסטאָרישע רעכט, ווייל דאָ האָבן מיר די איינציקע קאָנצענטרירטע עקאָנאָמישע פּאָזיציע — לעבן אין שאַפנדער אַרבעט אין אַלע אירע וויכטיקסטע צווייגן, פון די נידריקערע אַרבעטס־צווייגן ביז די גרויסע אַנטוויקלטע אינדוסטריען.

דאָס אַריינדרינגען אין דער דאָזיקער אַרבעטס־פּאָזיציע ווערט זיך אונז לייכט נישט איינגעבן. ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין אַנדער אָרט, וווּ עס זאָל אונז געלינגען לייכטער. דעריבער דאַרף זיך די אַרבעטער־באַוועגונג צוגרייטן צו דעם מער, ווי אַ רייע אַנדערע באַוועגונגען, ווייל פאַר אונז איז עס אַ פראַגע פון עקזיסטענץ.

דער סך־הכל איז: אַחוץ די פּערספּעקטיוון פאַר אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל, איז אויך פאַראַן אַ קלאָרע פּערספּעקטיוו פון אַ גרויסער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד אויך אויף די געביטן פון אינדוסטריע, פאַבריקאַציע, האַנדל און אַנדערע ווירטשאַפטס־צווייגן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג הענגט נישט אָפּ פונעם גוטן ווילן פון יידישן אָדער ציוניסטישן קאַפּיטאַל, — זי געפינט זיך אין די ראַמען פון דער קאָנקורענץ־ווירטשאַפט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן וועלט־מאַרק. די ייד. אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט נישט וועלכן ס'איז פעסטן עקאָנאָמישן באַזיס און האָט נישט אין ערגעץ קיין געהעריקע אחיזה אין קיין שום וויכטיקן צווייג פון דער פּראָדוקציע און ווירטשאַפט, דאַרף ערָאָבערן פאַר זיך די דאָזיקע פּאָזיציע און אַריינדרינגען אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט און אינדוסטריע, וועלכע געפינען זיך אויפן שוועל פון אַ גאָר גרויסער אַנטוויקלונג.

IV.

די פראַגע פון דער עליה קיין ארץ־ישראל איז נישט קיין לייכטע פראַגע און ווער עס דענקט זי צו אַנטשיידן כלאחר־יד, וועט זי נישט אַנטשיידן. עס זענען פאַראַן שווערע מניעות, וואָס ליגן אין לאַנד גופא און אַנדערע, וואָס ליגן אין דעם כאַראַקטער פונם פאָלק. נאָך מערער ווי די באַדינגונגען, דריקט אויף דער עליה די צענטראַלע סאָציאַלע אידעע, וועלכע באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער עליה.

ארץ־ישראל איז נישט ווי אַמעריקע פון היינט. זי איז בעגליכן צו אַמעריקע אין דער צייט פון איר אַנטדעקונג. גאַנץ לייכט איז יעצט צו צוקומען צו דעם דאָזיקן קולטורעלן און באַזעסענעם לאַנד און דאָרט זוכן מקורות פון פרנסה. און ווירקלעך, די יידישע עמיגראַציע אין איר איבערוויגנדער מערהייט גייט קיין אַמעריקע אָדער אין ענלעכע צענטרן אין פאַרשידענע לענדער. קיין ארץ־ישראל קומען מיר אָבער נישט ווי עמיגראַנטן, נאָר ווי קאָלאָניזאַטאָרן.

נאָך מיט אייניקע יאָר צוריק האָט מען זיך מיט אונז געשפּאַרט און מ׳האָט געזאָגט, אַז ארץ־ישראל איז נישט מסוגל אויפצונעמען אפילו קיין איין נייעם עמיגראַנט און יעצט באַווייזן די סטאַטיסטישע ציפערן, אויך יענע נישט גאַנץ אָביעקטיווע מענטשן, אַז א״י איז מסוגל אויפצונעמען אייניקע טויזנט מענטשן א יאָר. און ווירקלעך, ארץ־ישראל לויט איר איצטיקער עקאָנאָמישער סטאַטיק, האָט נישט קיין מעגלעכקייט אויפצונעמען קיין בייע עליה. אומגערעכט זענען אָבער די, וואָס ווילן באַווייזן, לויט

די ציפערן פון דער אראבישער אויסוואנדערונג, אז ארץ־ישראל איז א לאנד פון עמיגראציע, (זע „עליה און ירידה" פון פראפ. ליבמאן—הערש ז. ז. 16—15). מיר ווילן אָבער שאפן דאָרטן ווירטשאפטלעכע באדינגונגען בהתאם מיט די געגעבענע מעגלעכקייטן, וועלכע זאָלן צוגרייטן דאָס לאנד אויף אויפצונעמען א נייע עליה, וואָס וועט גיין און וועט זיך פּראָגרעסיוו פארגרעסערן. און דאָ איז דער וכוח.

פון די הויפּט־ליניען, וואָס איך האָב אָנגעמערקט אין די ערשטע צוויי קאפּיטלען, איז קלאָר, אז דאָס לאנד שטייט פאר א מעגלעכקייט פון א שנעלער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, און די פראגע איז: צי דארפן מיר ווארטן, ביז ס'וועלן קומען אנדערע און וועלן אנטוויקלען דאָס לאנד און מיר מיט אונזער האק און פאק וועלן קומען נאָך זיי, צום גרייטן, אָדער מיר דארפן זיך איינמאָל אָננעמען מיט דרייסטקייט און ווערן די ערשטע פאקטאָרן ביים אנטוויקלען דאָס לאנד ווירטשאפטלעך, סאָציאל און קולטורעל, אריינדרינגען אין דער אור־פּראָדוקציע א. א. וו. כידוע, זענען פאראן מענטשן, וואָס שטעלן זיך קעגן אזעלכע „משונהדיקע" אידעען און גלויבן אויך נישט אין די פאָלקס־כוחות, אז זיי (ווי ביי פיל אנדערע פעלקער) וועלן מסוגל זיין צו קאָלאָניזאטאָרישע אויפגאבן. אויף דעם דאָזיקן וכוח ענטפערן מיר — מיט טאטן.

דאָס צווייטע פּראָבלעם — נישט ווייניקער שווערע — איז די פראגע פון טעריטאָריאלער קאָנצענטראציע אָדער צעשפּרייטע עמיגראציע. פיל יאָר זענען שוין אוועק אין וכוח מיט אונזערע קעגנער, ווי שטייט בכלל פארן יידישן פאָלק די עמיגראציע־פראגע. דער „בונד", למשל, און מיט אים אנדערע יידישע פארטייען האָבן געענטפערט: ניין! ס'איז נישטאָ אזא פּראָבלעם ביי אונז. דער ציוניזם, איבערהויפּט דער פּראָלעטארישער ציוניזם, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אוועקגעשטעלט אין איר אמתער ליכט.

איצט איז דער וכוח פארשוואונדן, די פאקטן פון לעבן שרייען קעגן די באהויפטונגען פון אונזערע קעגנער. יעקב לעשטשינסקי, למשל, דער בונדיסט (דער מחבר פון דער בראשור „דער באנקראט פון ציוניזם"), בויט זיין וועלט-אנשויונג אויף דער ווירטשאפטלעכער און קולטורעלער אנטוויקלונג פונם יידישן פאלק אין משך פונם לעצטן יארהונדערט, אויף דעם בולטן פאקט פון א יידישער מאסן-עמיגראציע אין די נייע לענדער. מ'דארף באמערקן בכלל, אז יעקב לעשטשינסקי און אנדערע האבן אומבאוווסט אריינגעבראכט אין „בונד" א סך ציוניסטישע אידעען, ווי די פראבלעמען פון עמיגראציע, טעריטאריאלער קאנצענטראציע, לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע, דעם פראבלעם פון אריינדרינגען אין די פראדוקטיווע ארבעטס-צווייגן, נישט לאבאריזאציע סתם, נאר פראדוקטיוויזאציע, פאזיטיווע און אקטיווע באציונג צו דער אנטוויקלונג פון דער זעלבסטשטענדיקער יידישער קולטור, ווי אויך די אידעע פון נאציאנאליזם בכלל, אלס א פראגרעסיווער פאקטאר אין דער אנטוויקלונג פון די מאסן. די דאזיקע אלע עלעמענטן זענען פריער געווען פרעמד די בונדישע רייען, נאר א דאנק דער אנטוויקלונג פון דעם פאלקסטימלעכן און פראלעטארישן ציוניזם, זענען זיי אריינגעדרונגען אויך אין דעם „בונד", און היינט צו-טאג אנטהאלט ער א סך פראצענטן פון די באפרוכטפערנדע ציוניסטישע אידעען.

אלזא, יעקב לעשטשינסקי, — דער, וועלכן ס'באשעפטיקן ייער די פראבלעמען פון עמיגראציע, ערלעדיקט דעם דאזיקן פארוויקלטן ענין זייער לייכט און אויבערפלעכלעך: ער האט געפונען א מקלט פאר דער יידישער עמיגראציע, און אן אנשפאר-פונקט פארן יידישן פאלק אין דער קאנצענטראציע פון יידישע מאסן אין די הויפט-שטעט פון דער וועלט. אין דעם דריקט זיך אויס זיין גאנצע

וועלט - אנשויאונג בנוגע דער יידישער נאציאנאלער פראגע.

עס איז געווען, אמת, א צייט, ווען יעקב לעשטשינסקי האט זיך ארומגעטראגן מיט טעריטאריאלע אידעען. אבער ארץ־ישראל — איז „טריף", אנדערע טעריטאריעס זענען נישט בנמצא, — פאלט מען אויף א נייער אידעע: קאנצענטראציע אין די הויפט־וועלט־שטעט. ווירקלעך, ס'איז פאראן א געוויסע חריפות אין דער דאזיקער המצאה: גרויסע פאליטישע השפעה, קאנצענט־ראציע פון מאסן אין איין ארט, וויכטיקע קולטורעלע צענטרן, א שליטה איבער דער גרויסער אינדוסטריע, די באנקן. מיר זיצן שוין אין זעכציק מדינות און מיר וועלן זיך פארשפרייטן ווייטער און ווייטער. דו האסט פאר דיר א באצויבערנדן פלאן, מעט ווי די באוווסטע בריוו־פאלסיפיקאטן פון די „זקני־ציון", — „עתידה ארץ־ישראל להתפשט בכל הארצות". און באמת, אז ס'שטייט פאר אזא מין גלענצענדע צוקונפט צו ווערן די וועלט - הערשער, צו וואס דארפן מיר זיך איינקוועטשן אין א פארווארפן ווינקל, וואס הייסט ארץ־ישראל, און זיך באשעפטיקן מיט אזעלכע קליינלעכע ענינים, ווי גרינדן קאלאניעס און אויפשטעלן קבוצות, וואס, אמת, יעקב לעשטשינסקי האט צו זיי א געוויסע סימפאטיע, אבער זיי וועלן דאך, נאך זיין מיינונג, נישט האבן קיין תקומה.

און יעקב לעשטשינסקי, מיט דער אוניווערסאלער אידעע אין דער האנט — לאכט איבער אונזערע שוועריקייטן. (מ'דארף באצייכענען, אז דער דאזיקער געלעכטער איז נישט קיין בטול־געלעכטער. ס'איז אבער אין אים פאראן א סך גיפט, און דאס איז לגמרי נישט צו זיין כבוד.)

און אין דעם איז דער וכוח: צי זיך ארומ־טראגן מיט אוטאפיעס וועגן שליטה אין אוניווערסום, וואס, איבער־זעצנדיק דאס אויפן פשוטן לשון, הייסט דאס: פארזעצן די פ א ר א ז י ט י ש ע א נ ט וו י ק ל ו נ ג, וואס איז נישט מסוגל

צו שאַפן אַליין קיין ווירטשאַפטס־ווערטן, זיך צו שפּייזן פונם ווירטשאַפטס־שיסל, וואָס אַנדערע האָבן צוגעגרייט, שטרעבן צו געוועלטיקן נישט מיטן כוח פון די פעסטע יסודות אינם פּאָליטישן לעבן צווישן די אַנטוויקלונגס־פאַקטאָרן אין לאַנד, נאָר דורך די ווירקונגס־מיטלען אין דער מעטראָפּאָליע דורך דער השפעה פון די תקיפים און דורך דעם געפּילדער.

יאָ, ס'זענען פאַראַן צוויי וועגן, ווי אַזוי געזונט צו מאַכן די פאָלקס־יסודות. ס'איז זייער לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס וועט זיין דער גורל פון די דאָזיקע מאַסן אין טאָג, ווען ס'וועט אויסברעכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַן אָרטיקע אָדער אַ וועלטלעכע. מיר זענען געווען עדות פון דער שרעקלעכער ערשיינונג אין רוסלאַנד, ווען עס זענען צעשטערט געוואָרן די סטאַטישע יסודות פון דער געזעלשאַפט. דאָ זענען מיר זיך צוגאַנגען — און דאָ איז דער וכוח. די גאַנצע בעלעטריסטיק, מיט וועלכער יעקב לעשטשינסקי, דער סטאַטיסטיקער, פילט אָן זיין בראָשור, איז לגמרי איבריק. פון צוויי באַזונדערע השגות דרינגט אויך אַרויס די פלוגתא צווישן אונז וועגן דער עמיגראַציע־פּאָליטיק. אַנדערש געזאָגט, עס איז דאָ פאַראַן אַ פלוגתא פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקן ציוניזם און אַ ציוניזם פון 49 פּראָצ. אָבער דערביי איז נישט דער עיקר די פראגע פון די פּראָצענטן, ווייל איז פאַראַן אַ סתירה אין די עיקר־יסודות, ווערט שוין די אידעע ממילא געפעלשט און דעריבער בלייבט שוין נישט איבער קיין אָרט פאַר אַ וכוח צווישן אונז. דען אין דעם איז די קראַפט פון געזעלשאַפטלעכע, רעוואָלוציאָנערע אידעען, וואָס זיי ווירקן מיטן כוח פון דעם אינווייניקסטן אויסברוך פון די טיפע פאָלקס־שיכטן און זייער נצחון איז נישט אָפּהענגיק פון אַ צייטווייליקן נצחון אָדער אַ צייטווייליקער מפּלה.

אין באַצוג צו דער דערמאָנטער בראָשור פון פּראָפ. ליבמאַן־הערש דאַרף נאָך געמאַכט ווערן אַ ריי באַמערקונגען ערשטנס. די סטאַטיסטישע וויסנשאַפט איז, אמת, זייער אַ וויכטיקע

וויסנשאַפֿט, אָבער מען דאַרף זי באַנוצן מיט אַ פ ו ל ק אָ מ ע ר
אָ ב י ע ק ט י ו ו י ט ע ט. און אויב דאָס פֿעלט, קען מען זיך מיט
דעם באַגיין, ווי יענער מכשף, וואָס ציט פֿון מויל כּלערליי סטענ-
געס, שוואַרצע, געלע, רויטע, פֿון אַלערליי קאָלירן. אַ פּראָפֿעסאָר
פֿון סטאַטיסטיק דאַרף קודם-כּל וויסן, אַז כּדי אַרויסצוגעבן אַ פּסק-
דין אויף די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פֿון וועלכער ס'איז לאַנד
און איר אויפֿנאַמס-פֿעיִקייט, באַנוצט מען זיך נישט מיט
ציפֿערן פֿון 5 יאָר, און דערהויפּט, ווען זיי שליסן אַריין אין זיך
2 יאָר פֿון קריזיס. מען דאַרף זיך באַנוצן מיט רעזולטאַטן פֿון אַ
סך גרעסערער צאָל יאָרן, וועלכע זענען מער אָדער ווייניקער
נאָרמאַל.

כּדי צו מאַכן בולט די גרויסע סטאַטיסטישע פֿעלערן, וואָס
קומען אַרויס, צוליבן באַנוצן פּראָוויזאָרישע ציפֿערן, ווי די, וואָס
פּראָפֿ. ליבמאַן-הערש באַנוצט, וועל איך ברענגען עטלעכע ציפֿערן.

קודם-כּל האָט זיך פּראָפֿ. ליבמאַן נישט באמת צו צונויפֿ-
זאַמלען אַלע נויטיקע צאָלן. ער באַנוצט זיך נאָר מיט די
אָפֿיציעלע ציפֿערן פֿון דער א"י-רעגירונג און האָט זיך נישט באַ-
מיט צו קריגן די ציפֿערן פֿון דער עליה-אָפּטיילונג פֿון דער ציוי-
ניסטישער ליטונג, וואָס נעמען אויך אַריין די עליה פֿון די מזרח-
לענדער און פֿון די טוריסטן, וואָס זענען פֿאַרבליבן אין לאַנד. די
דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס זענען נישט פֿאַראַן אין די אָפֿיציעלע
טאַבעלן פֿון דער רעגירונג. דאָס אַליין ברענגט צו אַ ציפֿערן-
„טעות“ פֿון נאָך 11.974 עולים אין משך פֿון די דערמאָנטע 5
יאָר (די אַלגעמיינע צאָל עולים ביי פּראָפֿ. הערש איז 75.002
עולים און אין די טאַבעלן פֿון דער ציוניסטישער ליטונג 86.976).
ווען פּראָפֿ. הערש וואָלט זיך באַנוצט מיט צאָלן פֿון לפּחות נאָך
3 יאָר (1919—1921), וואָס זענען געווען נאָרמאַלע, וואָלט זיך
דער בילאַנס אַ סך געענדערט, ווייל ס'וואָלט צוגעקומען אַן עליה
פֿון נאָך 18.264 פּערזאָן און כּמעט אָן אַ צוריקוואַנדערונג פֿונם
לאַנד. אויב מיר וועלן צורעכענען די צוויי אויבנדערמאָנטע

צאָלן, וועט צוקומען אַ „טעות“ פון 30.238 עולים, אויף אַן אַלגע־מיינער צאָל פון 75.002. אַזאַ „טעות“ קען ענדערן דעם גאַנצן בילאַנס פון געערטן פּראָפעסאָר און דאָס אַליין וואָלט אים מחייב געווען אָנצושרייבן זיין בראַשור פונדאַסניי.

חוץ דעם בויט ליבמאַן־הערש זיין גאַנצן בילאַנס אויף די רעזולטאַטן פון דער אומגליקלעכער פערטער עליה, און ער נעמט נישט אין באַטראַכט די מעגלעכקייטן פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין לאַנד (וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין די פריערדיקע צוויי קאַפּיטלען). פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דעם איז פאַראַן די „אָביעקטיוויטעט“ פון אַ וויסנשאַפטס־מאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט סטאַטיסטיק.

די באַזע־ און פּראָגראַמלאָזיקייט פון דער פערטער עליה האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געשטעמפּלט נאָך אירם אָנפאַנג פון די האָניג־טעג פון אָט דער עליה. אָט וואָס איך האָב געשריבן אין 1925, בעת דער גרעסטער פאַרשטאַרקונג פון דער פערטער עליה: „מיר האַלטן זיך יעצט אויף אַרבעט און געלט, וואָס ברענגען נישט קיין שום קאָנסטרוקטיווע נוצן דעם לאַנד... ווארום וואָס באַדייט דיווילדע פאַרשווענדונג פון געלטער אין תל־אביב אויף הויך־שטאָקיקע הייזער, בעת אַרום תל־אביב איז נישט צוגעקומען קיין איין שפּאַן באָדן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און ס'איז נישטאָ קיין פּראָדוקציע־אינדוסטריע, ס'איז נישטאָ גאָרנישט. דער קריזיס וואָלט שוין אויסגעבראָכן לאַנג, ווען נישט די דאָזיקע שיינע יידן פון פוילן, וואָס קומען צו אונז אַזוי אָפט, אַנטלויפנדיק מיט האַק און פּאַק, פון גראַבסקיס גזירה, זיך און וואָס פאַרפּלאָנטערן אין דערנעץ פון ספּעקולאַציע, בויען אויפן זאַמד, דינגען געוועל־בער און שטאָפּן אָן דעם לעכערדיקן זאַק, וואָס רופט זיך אָן תל־אביב, מיט נאָך טויזנטער פונטן. ווען נישט דער דאָזיקער פאַר־כּשופטער קרייז. וואָס נערט אונז נאָך יעצט, וואָלטן מיר מער נישט געהאַט וואָס צו טון אין תל־אביב... מיר שטייען פאַר גרויסע ערא־בערונגס־מעגלעכקייטן אין לאַנד, אין דער לאַנדווירטשאַפט און

אינדוסטריע. ווען מיט אונז בלייבן צו דער סיזיף-ארבעט אָט די גאַנצע מחנה אין תל-אביב?...״ („דבר״, נומ. 107 אב, תרפ״ה).

דאָס פּראָבלעם פון דער פערטער עליה איז נישט בלויז אַן ענין פאַרן פּראָפ. הערש. עס איז אויך געווען אַ פּראָבלעם פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג אין א״י, און נישט נאָר אין זיין דורכפאַל, נאָר אויך אין זיין סאַמער בליונג. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט געוווסט פריער, אַז אַזאַ וועג פון בהלהדיקן, פּראָגראַמלאָזן בויען, נישט שאַפנדיק קיין נייע עקאָנאָמישע ווערטן, אַריינברענגנדיק קיין א״י בלויז די שטעדלעכע פרנסות פון פוילן, — אַז דער וועג וועט ברענגען מיט זיך אַ קריזיס. אָבער דער אָפיציעלער ציוניזם האָט באַרעכטיקט דוקא אָט דעם מין עליה. אָט די טענדענץ איז בולט פון די עליה-ציפערן (און פּראָפ. ליבמאַן-הערש האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו נעמען אין אַכט דעם נעגאַטיוון גורם אין דער פערטער עליה), וואָרום אַנשטאָט צו ברענגען קיין א״י פּראָדוקטיווע עולים, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען פעאיק צו אַרבעט אָדער אמתע קאַפּיטאַליסטן, האָט מען פאַרגרעסערט די צאָל עולים פון מיטלשטאַנד, וועלכע האָבן נישט קיין געלט אין אַ געניגנדער מאָס, נישט קיין איניציאַטיווע צו אַנטדעקן נייע קוואַלן פון פרנסה און קיין ווילן צוצופּאַסן זיך צו אַרבעט. דאָס איז „דער גאָלדענער מיטן״ פון דער ציוניסטישער לייטונג.

מיר זעען טאַקע, אַז די חלוצישע עליה דערגרייכט אין יאָר 1925 בלויז 51 פּראָצ., און אויב נעמען די צאָל פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו דער ארבעטס-ביוראָ פון דער „הסתדרות העובדים״, ד. ה., יענע עולים, וואָס האָבן זיך ווירקלעך געווענדעט נאָך אַרבעט, דערגרייכט זייער פּראָצענט נאָר ביז 25. אויב מיר וועלן אויך וועלן וויסן, ווער זענען די אויסוואַנדערער פון לאַנד און מיר וועלן עס פאַרגלייכן מיט די אָפיציעלע רעגירונגס-רשימות פון די ערשטע 8 חדשים פון 1927, וועלן מיר באַקומען די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע רשימה:

אין משך פון די דערמאָנטע 8 חדשים האָבן פארלאָזן דאָס לאַנד 3850 יידן, פון זיי בלויז 278 מיט פּראָדוקטיווע פאכן, די איבעריקע געהערן צו אומפּראָדוקטיווע פאכן, צווישן זיי 1198 פּערזאָנען, וואָס זענען אָפּהענגיק פון זייערע קרובים.

אין דערזעלבער צייט זענען אריין אין לאַנד 2561 יידן, די אנטשידנסטע מערהייט פון וועלכע ס'געהערן צו דער קאַטע־גאָריע פון פּראָדוקטיווע ארבעטער. פאר יעדן אָביעקטיוון באַ־אָבאכטער איז עס געווען קלאר, נאך איידער ס'זענען פארעפנט־לעכט געווארן די אפיציעלע ציפערן. און וואלט פּראָפ. ליבמאַן־הערש ווי געהעריק אפּגעשאצט די גאנצע אַנאָמאַליע, וואָס איז געווען אין דער פערטער עליה, וואלט ער זיך נישט אזוי צוגעאיילט צו מאכן פון איר קיין כלל. אבער די רעזולטאטן פון דער פערטער עליה זענען בוליטיק געווען, ווי עס ווייזט אויס, דעם געערטן פּראָפעסאר פאר זיינע פּאָליטישע אויספירן און דערפאר איילט ער זיך צוזאמענשטעלן די צאָלן, נאך איידער ער האט זיי דורכגעפירט דורך דער ליכט פון דערווירקלעכקייט. דערפאר האט ער אריינגעטראגן צווישן די טרוקענע שורות פון טאבעלן און ציפערן אויך באנאלע ליריק, ווי אויף דער 22־טער זייט פון זיין בראשור, אדער אזא פילאָנטראָפּישע מימרא, אַז מען עקספּלואַטירט דעם יידישן אר־בעטער „בחומר ובלבנים ובכל עבודה קשה, אזוי ווי מ'האָט געארבעט מיט אונזערע אבות אין מצרים".

ניין, געערטער פּראָפעסאָר, מיר געפינען זיך, ווי עס ווייזט אויס, אין צוויי באַזונדערע וועלטן. די אייניקע לירישע שורות, וואָס האָבן זיך ארויסגעכאפּט פון אייער פען, באַווייזן, אז איר זענט נאָך ווייט פון צו פארשטיין די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס געשעט אין די ברייטע שיכטן פונם יידישן פאָלק. איך האָב צו אייך קיין טענה נישט. איך ווייס עס קלאָר: אַקאַדעמיקער און פּראָפעסאָרן (ווי אויך שארפזיניקע למדנים) האָבן קיינמאָל נישט געמאכט קיין גרויסע איבערקערענישן און האָבן

קיינמאָל קיין מוט נישט געהאַט צו שטעלן זיך בײַ די געפּע״לעכע באַריקאַדן. און מיר, די וואָס שטייען אין דער באַוועגונג, ווייסן זייער גוט די גרויסע שוועריקייט פון אויפבויען אַ פאָלק אין אַ לאַנד און פון אויסקעמפן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־געזעלשאַפט. די דאָזיקע שוועריקייט ווייס יעדע קעמפנדע אַרבעטער־באַוועגונג און טרעט נישט אָפּ צוריק.

מיר ווייסן קודם־כּל, אַז די עליה־געזעצן פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג זענען אַ גרויסע שטערונג פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון לאַנד, ווײַל נאָר צוליב דעם זענען געקומען אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן נישט געדאַרפט קומען. מיר ווייסן אויך, אַז די טערקישע געזעצגעבונג פונם לאַנד שטערט פיל זיין עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אָבער קענען דעם קעמפן מיר דאָך. ווער אונז דען עמיצער זאָגן, אַז מיר זאָלן אַוועקלייגן דאָס געווער און אויפהערן צו קעמפן? — אַלס אַן אַרבעטער־באַוועגונג פון אַ ס׳רוב דואיינירטן, באַדנלאָזן פאָלק, דאַרפן מיר אויפשטעלן אַ געזונטע און באַנייטע אַרבעטער־באַוועגונג און קאָנצענטרירן די מאַסן פון אונזערע חברים, וואָס שטרעבן און אַרבעטן מיט אונז צוזאַמען, אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן איבערגיין צו שווערער פיזישער אַרבעט. שאַפן די ווירטשאַפטס־קוואַלן פון זייער אור־אָנהויב, ווערן די עיקרדיקע פאַקטאָרן בײַ דער אַנטוויקלונג פון אַלע לעבנס־צווייגן אין לאַנד, אַוועקשטעלן די יסודות פונם פּאָליטישן לעבן, אויפשטעלן די קולטור. אײ״ אַליין (מיט דער אַנטוויקלונג פון אירע נאַטירלעכע רייכטימער) איז מסוגל צו קאָנצענטרירן אין זיך 5 מיליאָן איינוווינער. יעדע אַזאַ עראָבערונג פאָדערט קרבנות. יעדער פאָלק ווייסט דאָס, אָבער מיר ווילן דערפון נישט וויסן. מיר פאָדערן קודם־כּל פון אונז אַליין — פאַרווירקלעכונג מיט אייגענע כּוחות. מיר האָבן געשאַפן די באַגייסטערטע, רעוואָלוציאָנערע חלוצישע באַוועגונג. אין אונזערע שורות זענען פאַראַן 150.000 חברים און יוגנטלעכע, וואָס זענען פאַרשריבן אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין די

אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־ארגאניזאציע אין ארץ־ישראל, וועלכע ציילט יעצט 30.000 חברים.
דאס איז אַ יונגע און אַ דרייסטע אַרבעטער־באַוועגונג, וואס איר אויפגאַבע איז דורכברעכן אַ וועג פאַר אַ יידישער פּלאַנמעסיקער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל און צו איר נאָענטע לענדער.

דאָס איז אַ שווערע און אחריותפולע אויפגאַבע און זי פאָדערט אַ הויכן חלוצישן ניוואָ פון די ערשטע פּיאָנערן. נישט איין קריזיס וועט נאָך איבער אונז איבערגיין, אָבער אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווייסט און אנערקענט איר וועג, ווערט נישט געשטרויכלט.

V.

און יעצט כלפי פנים.

אמת, אַ שווערער קריזיס הערשט יעצט אין לאַנד. אין אַ געוויסער מאָס איז אין דעם דאָזיקן קריזיס שולדיק אויך די אַר־בעטער־באַוועגונג. ווייל דער קריזיס איז דער עיקר אַ תּל־אביבער קריזיס, און מיר האָבן נישט געטאָרט קאָנצענטרירן אַזוי פיל אַרבעטער אין דעם דאָזיקן גאָר נישט־זיכערן אָרט. מיר וואָלטן געקענט, ווען מיר וואָלטן געהאַט די קלאָרע פאַרשטענדניס פאַר דעם, איבערציען די דאָזיקע צאָל אַרבעטער צו מער זיכערע און מער פּראָדוקטיווע אַרבעטס־קוועלן. פּונקט ווי מיר קריטיקירן דעם יידישן אומפּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, אַזוי דאַרפן מיר קריטיקירן אונזערע חברים, וואָס פאַרדינען פון אַרבעט, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון, צי די אַרבעט, וואָס ווערט געטון, איז אַ פּראָדוקטיווע, אַ נויטיקע פאַר דעם בויען פון לאַנד, צי נישט. די פּיאָנערן פון אונזער באַוועגונג האָבן אַזוי באַדאַרפט קוקן אויף זייער עליה קיין ארץ־ישראל. יעדער חלוץ איז אַ זעלנער, וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט, וואָס ווייסט דעם פּלאַן און אַרבעט צוליב אים. מיר דאַרפן וויסן, אַז דער כאַראַקטער פון די אַרבעטן, וואָס ערוואַרטן אונז אין לאַנד, פאָדערט פון אונז אַ ספּעציעלע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט און פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס רוב אַרבעטן וועלן זיין כּבוש־אַרבעטן אין שווערע באַדינגונגען (דאָס בויען פונם פּאָרט) און אויב עס וועלן זיך אָנהויבן די אַרבעטן ביים ים־המלח וועלן מיר זיך געפינען אויך אין נישט קיין לייכטע קלימאַט־באַ־דינגונגען. די דאָזיקע אַרבעטן פאָדערן אַ געוויסע איבערוואַנדערונג

און אײַנאָרדנונג פֿון גרויסע אַרבעטס־מחנות און אויך מעגלעכ־קייטן פֿאַר פֿאַרגרעסערן אָדער פֿאַרקלענערן די אַרבעטס־כחות. דאָס אַלעס פֿאָדערט, מ'זאָל לייגן מער אַכט אויף דער קבוץ־באַוועגונג. נאָר אַ גוטע, אײַנגעאָרדנטע און אָרגאַניזירטע קבוץ־באַוועגונג וועט קענען אַרײַנדרינגען אין די דאָזיקע גרויסע אַרבעטן און פֿאַרנעמען דאָרטן אַ זיכערן פּלאַץ. די החלוץ־באַוועגונג באַדאַרף גרייטן אירע חברים צו דער דאָזיקער שווערער און אחריותפֿולער אויפֿגאַבע. אונזער אַרבעט וועלן זייער פֿיל העלפֿן די אַרבעטער־אינסטיטוציעס, וואָס געפֿינען זיך שוין אין לאַנד.

במשך פֿון די ווייניקע יאָר פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָבן מיר אויפֿגעשטעלט פֿאַר זיך וויכטיקעווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס יעדער אַנדער אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט זיך געקענט מיט זיי גרויסן. מיר וועלן דאָ געבן אַ קליינעם איבערזיכט איבער זייער לאַגע, אַנטוויקלונג און דאָס וועט אונז באַווייזן, וואָס פֿאַר אַ ווערט זיי האָבן.

המשביר. — אַ געברויך־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אָפּטיילונגען אין ס'רוב פּונקטן פֿון דעם יידישן ישוב. פֿון תרפ"ו אָן דערגרייכט זיין יערלעכער פּדיון העכער 200.000 פֿונט. „המשביר" האָט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פֿאַר פֿאַרקויפֿן די פּראָדוקטן פֿון די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן. בלויז דער פּדיון פֿון מילך און מילך־פּראָדוקטן פֿאַר די יאָרן תרפ"ד—תרפ"ה האָט אָנגעטראָפֿן 98.593 פֿונט, פֿון גרינס — 12,465 פֿונט.

„המשביר" האָט אויך צוגעצויגן פּריוואַטן קאַפּיטאַל צו זיינע אונטערנעמונגען. ער האט געעפֿנט אַן אָפּטיילונג פֿון „המשביר־טעקסטיל". ער האָט אויך באַקומען די אַגענטור פֿאַרן נאַפֿט־פֿאַרקויף ביי דער באַוווסטער נאַפֿט־געזעלשאַפֿט „אַזיאַטיק פּעטראָלעאום". ביי אים געפֿינט זיך אויך אַן אָפּטיילונג פֿאַרן פֿאַרקויף פֿון דער פּראָדוקציע פֿון פֿאַרשידענע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון.

בנק הפועלים. — איז געגרינדעט געוואָרן צוריק

מיט 5 יאָר. דער גרונט־קאַפּיטאַל באַטרעפט 100.000 פונט. בסך־
הכּל זענען אין משך פון דער אויבנדערמאָנטער צייט אַרויסגעגעבן
געוואָרן 6488 הלוואות אויף אַ סומע פון 785.989 פונט. די רווחים
באַטרעפן ברוטאָ 43.709 פונט, דער ריינער רווח — 15.275 פונט.

לויי־און שפּאָר־קאַסעס. — די צאָל פון זייערע
חברים דערגרייכט 2.547. דער גרונט־קאַפּיטאַל איז 1980 פונט
דער סכום פון די הלוואות — 24.000 ענגל. פונט.

„סולל־בונה״. — דאָס איז אַן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו פאַר
בוי־ און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, ער האָט פאַכמעניש אויסגע־
בילדעט טויזנטער אַרבעטער און האָט אויפגעטון א וויכטיקע אַר־
בעט ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט. אַרבעטס־לוין אליין איז דורכ־
געגאַנגען דורך אים בערך א מיליאָן ענגל. פונט. אָבער דער בוי־
קריזיס האָט אים אריינגעבראַכט אין א שווערן קריזיס און ער
באַמיט זיך יעצט אַרויסגיין פון זיין שווערער לאַגע דורך
פאַרשטאַרקן זיינע אָפּטיילונגען. צו „סולל־בונה״ קומען נאָך צו
67 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס ציילן העכער 800 חברים.

אַמט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. —
וועגן אים האָבן מיר גערעדט אין צווייטן קאַפּיטעל.

קופּת־חולים – האָט אָפּטיילונגען אין אַלע פונקטן און
גוט־איינגעאָרדנטע אַמבולאַטאָריעס, א צענטראַלן שפּיטאָל מיט
אַ רייע ספּעציאַליסטן־מעדיקער אין עמק־יזרעאל און א רעקאָנ־
וואַלעסצענטן־הויז אין מוצא (ביי ירושלים).

פּאַלעסטינער־אַרבעטער־פאָנד — דער צענטראַ־
לער געלט־אינסטרומענט פון דער הסתדרות, וואָס איז פאַרבונדן
מיט דער נאָענטער צו איר באַוועגונג אין די גלות־לענדער.

אַ חוץ דעם זענען נאָך פאַראַן אַנדערע אַנשטאַלטן פאַר
קעגנזייטיקער הילף. עס ווערט געטון אַ וויכטיקע זעלבסטשטענדיקע
קולטור־אַרבעט, מיט אייגענע שולן, מיט אַ צענטראַלע ביבליאָטעק,
וואָס האָט אָפּטיילונגען אין אַלע אַרבעטער־פונקטן, מיט אָוונט־
קורסן, פאַרפאָלקאָמונגס־פאַך־קורסן, וואַנדערנדע רעפערענטן, א דראַ־

מאַטישע סטודיע „אוהל“, די טעגלעכע צייטונג „דבר“ און פֿאַך־צייטונגען.

די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג איז גוט אָרגאַניזירט מיט אַרבעטער־ראַטן אין די גרעסטע צענטרן, וועלכע האָבן גרויסע אויפֿגאַבן, הן אין אָנפֿירן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, הן ביי דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָאָפּעראַציע א. א. וו. די באַוועגונג פֿאַרמאָגט העכער 50 זעלבסטשטענדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ווירטשאַפֿטן. אַרום דער באַוועגונג עקזיסטירט א שטאַרקע חלוצישע באַוועגונג און אַ יוגנט־באַוועגונג, וועלכע גרייטן זיך אין די טויזנטער צו דערפֿילן די רייען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

מיר האָבן גענומען אויף זיך גרויסע און שווערע אויפֿגאַבן. אָבער די דאָזיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבן פֿאַרשטאַרקן אונזער באַוועגונג. אין די טיפֿענישן פֿון דעם פֿאָלקס־לעבן ווערן יעצט ערוועקט די גרויסע כּוחות, וואָס קענען מער נישט אויסהאַלטן די אינערציע און ירידה פֿון אונזער לעבן. עס איז פֿאַראַן איין די פֿאָלקס־מאַסן אַ דראַנג צו דרייסטע טאָטן, אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרבעסערן זייער לעבן, צו איבעראַנדערשן די אַלגעמיינע און ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, צווישן וועלכע זיי געפֿינען זיך.

עס איז קיין ספֿק נישט, אַז אונזער באַוועגונג איז איינע פֿון די טיפֿסטע באַוועגונגען אין דער אַרבעטער־וועלט־באַוועגונג. דער בונד מיט ארץ־ישראל קומט נישט אויף אָפּצורייסן אונז פֿון דעם באַפֿרייונגס־קאַמף אין אַלע לענדער. נאָר, להיפּך, עס איז פֿילפֿאַכיק פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אונזער פֿאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער באַפֿרייונגס־באַוועגונג — און נישט מיט ווערטער בלויז, נאָר מיט לעבעדיקע און בולטע טאָטן. מיר וואַגן צו נעמען פֿאַרענטפֿערן פֿאַרוויקלטע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען דורך אַוועקלייגן יסודות פֿאַר אייגענע ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, דורך קאָאָפּעראַציע און קאָמונע. מיר האָבן זיך אַנגאַזשירט אין אַ שווערער ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט ביי דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער־קאָלאָניזאַציע — און ווייניק זענען פֿאַראַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס

אין דער וועלט, וואָס האָבן אַזאַ מין פאַרצווייגטע אין אינהאַלטס־רייכע אייגענע ווירטשאַפט. און אונזער באַוועגונג איז דאָך נאָך יונג. די אלגעמיינע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל ציילט דאָך ערשט 7 יאָר פון איר עקזיסטענץ און דאָך האָבן מיר אַזוי פיל באַוויזן אויפצוטון.

אונזער פראָנט איז אַ שווערער און סכנות־פולער. ער פאָדערט שטענדיקע אָנשטרענגונג, קערפּערלעכע און גייסטיקע, ער פאָדערט הערָאיזם פון יעדן פשוטן זעלנער, וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט. פון וואַנען שעפּן מיר די דאָזיקע כוחות? יעדער, וואָס האָט נאָר דעם מינדסטן באַגריף איבער די וועגן פון די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, קען שטעלן די דאָזיקע פראַגע. וואָס איז עס: אַ טעות, אַ מיספאַרשטענדניש, אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ קלאָרן רעוואָלוציאָנערן ווילן, וועלכער ציט זיין יניקה פון די טיפענישן פון אַ ברייטער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט די אידעאַלן און טיפע סאָציאַלעשטרעבונגען פון דער גאַנצער ליידנדער און קעמפנדער מענטשהייט.

אונזער ענטפער איז קלאָר. נישט צופעליק זענען מיר געקומען צו אונזער באַוועגונג, ווייל יעדע טיפע געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונג וואַקסט אויס פון די טיפענישן פון אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן. אין דעם ייד. פאָלק און אויף דעם א״י־דיקן באָדן טראָגן מיר דעם גרויסן בונט און רופן צו גיין אַנטקעגן דער נייער וועלט אָרדנונג. מיר האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דעם נצחון־גאַנג פון דער ארבעטנדער מענטשהייט. ווייל מיר ווילן זיך באַנייען און מיט אונז באַנייען די יסודות פון ייד. אַרבעטער און פאָלק. און טאָמער שטייען מיר יעצט אין אַ קריזיס, דאַרף מען געדענקען, אַז יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט קריזיסן, אָבער נישט די קריזיסן באַשטימען דעם נצחון, נאָר די באַוווסטזיניקע אידעאישע שטרעבונג, די ענערגיע און דער רעוואָלוציאָנערער כוח פון דער באַוועגונג.

פארלאג „באפרייונג" ווארשע

ב. באראכאוו: שריפטן באנד I און II —	פרייז צו	12.00	זל.
ד"ר נ. סירקין: געקליבענע שריפטן I II —	" צו	12.00	"
„יזכור" ערשטע אויפלאגע	"	7.00	"
„יזכור" צווייטע אויפלאגע	"	12.00	"
בן-גוריון און בן-צבי:			
א"י אין פארגאנגענהייט און קעגנווארט	"	15.00	"
די ארץ-ישראל-ארבעט (דין-וחשבון פון דער א"י-פועלי-ציון-קאמיסיע)	"	5.00	"
י. בן-צבי: א"י, אלס לאנד פאר ייד. קאלאניז.	"	60	גר.
ייד. ארבעטער-אלמאנאך (1927)	"	6.00	זל.
„אונזער געדאנק" (זאמלבוך)	"	3.00	"
קארל מארקס: דער בירגער-קריג איז פראנקרייך	"	1.20	"
דוד אײנהארן: געזאמלטע לידער (1904–1924)	"	4.00	"
" " " " (אין א פראכט-באנד)	"	6.50	"
„אויף דער שוועל" (זאמלהעפט)	"	50	גר.
נ. קאן: דער סאצ. קאמף פון די ייד. ארבעטער-מאסן	"	30	"
דער אנהויב פון ייד. סאציאליזם (אהרון ליבערמאן און דער פעריין פון ייד. סאציאליסטן אין לאנדאן)	"	50	"
פועלי-ציון אויפן 12-טן קאנגרעס	"	30	"
„די נייע געזעלשאפט" נ"נ 3—2 און 4 צו	"	0.80	"

— די פרייזן זענען מיט פארטא —

אדרעס פאר באשטעלונגען: Warszawa, Dzika 11. m. 4a.

" " געלט-זענדונגען: Warszawa, P. K. O. 13.482

„באפרייונג־ ארבעטער־שטימע"

הויפט־ארגאן פון דער

ייד. סאצ. ארב.־פארטיי פועלי־ציון

(פאריינִיקט מיט צ. ס.)

דערשיינט יעדן פרייטיק

אבאנאמענטס־פרייז: פאר 3 חדשים 3.50 זל., פאר 1 חודש 1.20 זל. – אין אויסלאנד א האלב־יאר – 1 דאל.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

Warszawa, Dzika 11.

אדרעס פאר געלט־זענדונגען: P. K. O. 18.260